STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09055

BORVESE TRIT

David Sfard

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד ספּאַרד

באָרוועסע טריט

דוד ספארד

באָרוועסע טריט

פאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

1966

DAWID SFARD

BOSE STOPY

Okładkę i rysunki: R. Chwoles

הילע און צייכענונגען: ר. כוואָלעס

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2500 egz. Druk ukończono w czerwcu 1966 r. Ark. druk. 13.
Ark. wyd. 9. Papier druk, sat. kl. III. 61X80 g
Druk. RSW „PRASA", Warszawa, Tarczyńska 8. Zam. 5761 — M-22

ש ט י ל ק ״ ט

געבעט

פאַרטרייב דעם נעפּל פון מיין בליק,
די שאָטנס אַרום מיר צעיאָג,
באַווייז צוריק,
אַז אונטער זיי די זון נאָך וואַכט,
און טאָג איז טאָג,
און נאַכט איז נאַכט.

פאַרקריץ אויפסניי דאָס וואָרט אין שטיין,
און אות צו אות מיט בלוט פאַרבינד,
עס זאָל נישט אויפגיין און פאַרגיין,
ווי די כוואַליע אויפן טייך
מיט יעדן בלאָז פון ווינט,
אויף יעדן צייכן פון דער הייך.

טו אָפּ די פיין פון וואַקלדיקע טעג,
פון בלאָנדזשעניש אויף טונקלען ראַנד,
קער אום צוריק די זיכערקייט פון וועג
צו יענעם שיינעם יונגן לאַנד,
ווו קרומגיין הייסט פאַרגיין,
און ליגן הייסט פאַראַט,
און גלויבן הייסט פאַרשטיין,
און וואָרט הייסט טאַט.

באָרוועסע טריט

כ׳טו אויס פון מיינע פיס די שיך
און גיי אַ באָרוועסער אַרום —
ס׳איז יעדער גאַנג פון זיך צו זיך
און די ערד איז הייליק אומעטום.

פון אויפגאַנג ביז פאַרגאַנג
אַ באָרוועסער אַזוי איך שפּאַן —
און יעדער ווינט איז מיין געזאַנג,
און אין יעדן שטויב איך בין פאַראַן.

און מיין טרויערליד
בלאָנדזשעט באָרוועס אום אין אָונטשיין
און מיט שאָטן־טריט
דערגייט צום לאַנד פון אייביקזיין.



שטילקייט

פון די ימים רייד,
פון די קלוגע רייד,
פיר ארויס מיך
אויף דעם ברעג פון שטילקייט,
ווו דאָס וואָרט אנטשטייט
נישט אין שוים פון ברויזנדיקע כוואליעס
געטריבענע פון ווינטן,
נאָר אויסגעלייטערט אין די הייכן
צווישן טרויער-וואָלקנס.
ביחידות,
שטילערהייט,
אין טראָפּנס שיין,
און יעדעס אות איז פרייד,
און יעדעס אות איז פּיין.

זע

זע:
אין די הייכן
גליט די וונד
פון יונגן מולד —
זיין געשריי
פון כונט
מוז צו אַלע הערצער גרייכן.
און אויב די פאַלשע שטערן,
וועלכע בלישטשען נאָך אין רוים,
וועלן פרווון דאָס פאַרווערן —
איז אונטער זיי שוין צופיל בולט
דער שוואַרצער שניט פון תהום.

תיקו

עס קומט צו מיר דאָס וואָרט
פון זייער ווייט
מיט קאַלטן ווינט
און טוט מיך אויס
פון אָרט
און צייט
און אַלץ פאַרשפּינט
מיט חושך בלויז
און מרה־שחורה שטומער.

און איך אַליין בין הייסער זומער,
און בלויזער הייננט,
און הוילער דאָ,
און ווי אַ דימענט שיינט
מיין יעדע שעה
מיט זון,
מיט פרייד
און זאַפטיקע באַגערן.

איז ווער־זשע האָט מיך אָנגעטון
אין וואָלקנקלייד,
ווען ס׳ליכטיקן די שטערן?
און ווער אויך האָט
מיין טראָט
אויף פרעמדנוועג צעפלאָנטערט,
ווען קלאָרגעזאַנג
צו איינגאַנג
פירט דורך העלע פראָנטן
און אַלע גרענעצן פון נאַכט
באַוואַכט
און יעדן סוד פאַרלייקנט? —
תיקו...

פאַראַן אַ מעשהלע...

פאַראַן אַ מעשהלע, מיין קינד,
וואָס נישט געשטויגן נישט געפלויגן —
איינגעפּאַסט אין טעוועלעך פון אָרט און צייט.
און ס'מישט אין דעם דער ווינט
די אויסגעטראַכטע בויגנס
ביז דער לעצטער זייט
אין הייסן פיבער
טאָג איין, טאָג אויס.
און ווען אַלע בלעטלעך זענען שוין פאַריבער,
גייט דאָס מעשהלע פון די טעוועלעך אַרויס.

נאָר אויב שוין יאָ אַזוי,
איז אפשר גאָר מיין קינד
אין מעשהלע דעם אינהאַלט טוישן?
פאַרמעקן אַלץ, וואָס אומעטיק און גרוי
און לאָזן בלויז וואָס גרינט
און זינגט מיט פרילינגדיקע רוישן,
די בייזע לייט פון מעשהלע פאַרטרייבן,
מיט גוטסקייט אַלע הערצער גלייך פאַרטיילן
און דאָרט ווו שנאה, ליבשאַפט שרייבן — —
עס זאָל דאָס מעשהלע אין פריידן זיך דערציילן?

איך אַזוי געשעט אַמאָל

איך אַזוי געשעט אַמאָל,
און דאָס אויף וואך —
צווישן יאָ און נישט
ווערן אַלע גרענעצן פאַרווישט
און יעדע זאַך
טוט אויס זיך פון איר שאָל,
גייט אַרויס פון אָרט און צייט,
ווערט אויס פאָרם און אויס געשטאַלט,
ווערט אייביקייט,
און אין זיך אַליין אַנטהאַלט
אַמאָל און היינט,
דאָ און דאָרט,
פינצטערניש און שיין
און דאָס אורגעשריי פון וואָרט.

טרייסט

ווען דער וועכטער אויפן ראָג
אויפגעהאָנגען האָט פּאַר אָונטיקער שפּיל
טיכער פאַרביקע אויף ווענט,
איז דער בלאַסער טאָג
אויסגעגאַנגען שטיל
אויף מיינע הענט.

אַ שוואַרצע כמאַרע
ווי אַ קודלעוואַטער בער
איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך,
צעעפנט אַלע שפּאַרעס
פון מיין גרינעם סקווער
און פאַרגאָסן אים מיט נאַכט.

נאָר דעמלט האָט אין כמאַרע אומגעריכט
אַ שטערן אויפגעצאַפּלט
ווי אַ פייגעלע אין נעסט
און מיט הימליש ליכט
פון דער הייך אַראָפּגעשטאַפּלט
ביז דער סאַמע נידעריקסטער טרעפּ פון טרייסט.

אַזאַ לעגענדע איז פֿאַראַן

אַזאַ לעגענדע איז פֿאַראַן:
מיט יאָרן טויזנטער צוריק
איז מיט אַ ליכט אין העלן טאָג
אַרומגעגאַן אַן אַלטער מאַן
מיט אַן אומעטיקן קלוגן בליק
און אויף יעדן טומלדיקן ראָג
דעם מענטש געזוכט.

און איך —
אין מיטן טאָג איך גיי אַרום
און זוך דאָס ליכט אַליין.
דער מענטש איז דאָ —
איך זע זיין שאָטן אומעטום,
איך הער פֿון אַלע זייטן זיין געוויין,
נאָר ס'איז דאָס ליכט נישטאָ.

אַלע וועגן

אַלע וועגן ליגן אויסגעפּלאַסטערטע מיט גאָלד
און דאָס גאָלד זיך שיט נאָך אַלץ און שיט.
איבער דעם גייען זומער־שאָטנס איינגעבויגן
האַרבסטיק־געל געמאָלט
מיט בענקנדיקע טריט
און מיט שוואַרצע טרויעריקע אויגן.

אומעט מיינער,
ווער האָט דיך אין גערטנער צעשפּרייט,
אויף הפקר איבער וואַלד און פעלד געלאָזן,
ווען איבער פּוינדיקע שטעט
קאַלטע ווינטן בלאָזן,
בייזע ווינטן יאָגן
ס'לעצטע ביסל שיין
פון די פרי־פאַרטאָגן
ביז אין שפּעטער נאַכט אַריין?

אומעט מיינער,
ס'האָבן דיר די פיינט
די האָפענונג אין האַרצן
מיט תוזק־שמייכלען דורכגעשטאָכן
און אויך די פריינד
האָבן דיך פאַראַטן —
אויף דיין וווּנדיק לייב די הענט פאַרבראָכן
ווי אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
די אָפּגעשונדענע פאַרשעמטע יאָרן
בלויז פאַרשריבן לזכרון
אין אַ פּנקס שוואַרצן
און די פאַרגליווערטע געבליטן
אין די רויטע בלעטער
פון די האַרבסטן שפּעטע
אויף ווייסן קאַלטן שראָן פאַרביטן.

דער שכל

עס זאָגט מיין פריינד:
נישטאָ מער קיין געהיימניש —
דעם מענטשנס שכל היינט
וועט צו אַלע סודות גרייכן.
נאָר צי איז דער שכל דען אַליין נישט
למעלה מן השכל?

קאָן זיין

קאָן זיין, אַז אַלץ איז געטראַכט,
אַז וואָס איך באַנעם איז נישט וואָר,
אַז פּונקט ווי דער חלום פון נאַכט,
איז די זעונג פון טאָג בלויז אַ שפּור

פון עפּעס אַ וועלט אַרום מיר,
וואָס אויסער געפיל און געדאַנק,
ווו וואָרט איז קאָליר
און קאָליר איז געזאַנג,

ווו שטח און צייט,
און הייכן און טיף,
און פריידן און לייד
זענען בלויזער באַגריף,

אַ באַוועגלעכע צאָל,
אַ כוואַליע פון ווינט,
ווו מאָרגן און היינט און אַמאָל
זענען בלויזער אַצינד —

— צי ענדערט זיך עפּעס דערפון?
אויף וואָר, צי געטראַכט —
ב׳וועל סיי־ווי פאַרליבט זיין אין זון
און האַסן די נאַכט.

אַנטיגאָט

דאָס, וואָס איז באַשערט צו קומען,
האָט נישט קיין געשטאַלט
און נישט קיין נאָמען,
איז אויסער גוואַלד
און אויסער רעכט,
אויסער גוט
און אויסער שלעכט,
אויסער רוים
און אויסער צייט —
איז בלויזער אומפאַרמייד,
און האַרב,
און בלינד
און זיין גולמדיקער גאַנג
פאַרמעקט אַ יעדע פאַרב,
פאַרלעשט אַ יעדן קלאַנג,
פאַרווישט אַ יעדן וועג
און ווי אַן אָפּגרונט
פול מיט שרעק
און סוד —
איז אַנטיגאָט.

אין גאַלאָפּ

ווי שעפּעלעך צעפּלאָשעטע פון שרעק
אויף אַ משופּעדיקן וועג,
לויפן שוין די טעג
אין גאַלאָפּ
באַרגאַראָפּ,
באַרגאַראָפּ,
איינגעהילט אין נעפּלדיקן גרוי —
ווער יאָגט עס זיי אַזוי,
און וווהין?

יעדן ליכטיקן באַגין
ברענגען ווינטן צו מיין טיר
גריסן פון אַ פרידנשטאָט
אין אַ ווייטן לאַנד
און אַ געהיימע האַנט
קריצט זיי אין מיין האַרצן איין
מיט אותיות פון שיין,
ווי די צעז געבאָט —
ווער שיקט עס זיי צו מיר,
און מיט וועלכן צוועק?
אַז אַלע טעג,
ווי שעף צעפּלאָשעטע פון שרעק,
לויפן אין גאַלאָפּ
שוין באַרגאַראָפּ,
באַרגאַראָפּ.

האַרבסטיקער פאַרטאָג

סוף נאַכטיקע שעה.
ס'קען דאָס אויג נאָך נישט ריכטיק אונטערשיידן
פון ווייס ביז בלאָ.
נאָר אין אומרו זיך וועקט שוין דער הימל
און האַלב שוין אויף וואך
און האַלב נאָך אין דרימל
מאַן און ווייב וועגן שטוביקע זאָרגן
צווישן זיך שעפּטשענדיק ריידן.

אין דרויסן פון שאָטנס געהיט
שטעלט זיינע ערשטע באָרוועסע טריט
אויף פאַרשלאָפענעם וועג
דער פרימאָרגן,
וואָס האָט ביים געבוירן
זיין גאַנצן פאַרמעג
אין נאַכטיקן אָפּגרונט פאַרלוירן,
און פון אַלע פאַרנעפּלטע וויטן און ברייטן
קומען שכורע וואָלקנס צוגיין
און מיט שטילן געוויין
איבער די הימלען זיך שפּרייטן.

באַרגאַראָפּ

באַרגאַראָפּ גייען שנעלער די טריט
און דער בליק איז צו אָוונט געווענדט,
ווו דער ווינט זינגט אַ טרויעריק ליד,
ווו די זון ווי אַ שייטער דערברענט

און איר אַש ווערט פאַרזונקען אין נאַכט
און עס בלייבט נישט קיין שפּור פון איר שיין —
זיי מוטיק, מיין האַרץ, און באַזאַכט —
אַזוי איז געווען און וועט זיין.

יעדער רינג האָט באַזונדער קיין האַפט,
בלויז אַ רינג מיט אַ רינג שאַפט אַ קייט,
און אַלע צוזאַמען איז קראַפט,
און אַלע צוזאַמען איז פרייד.

יעדער איינציקער קלאַנג איז געשריי,
בלויז אַלע צוזאַמען געזאַנג —
זיי מוטיק מיין האַרץ און פאַרשטיי,
פאַראַן אויך אַ זין אין פאַרגאַנג.

די פרוכט, וואָס רייפט אָן, פאַלט אַוועק
און עס בלייבט בלויז אויף דויער די צווייג,
וואָס אין טויש פון די נעכט און די טעג
אַלץ העכער און העכער זי שטייגט.

כ׳האָב דעם דאָזיקן אמת דערקענט,
דאָך זינגט זיך מיט אומעט דאָס ליד,
ווען די זון ווי אַ שייטער דערברענט
און צו אָוונט זיך איילן די טריט.

לעצטע אשמורה

עס ווייגט זיך די בענקשאַפט אַרום,
ווי אַ ים, וואָס קאָן נישט אַרויס פון די ברעגן,
און איבער איר שטום,
ווי אַ כמאַרע אַ שוואַרצע
אויף בלאָנדזשענדע וועגן,
הענגט דאָס געוויין פונעם האַרצן
דורך חושך באַוואַכט
און רינט אויס
אין טונקעלער שויס
פון דער לעצטער אשמורה פון נאַכט.

מײן ליד

מײן ליד,
װאָס איז אײן לײד געבױרן
און אַזױ פיל מאָל זיך שױן פאַרלױרן,
און אַזױ פיל מאָל זיך שױן פאַרהיט —

עס קאָן קײן זאַך דאָס נישט פאַרבײטן.
יעדער טאָג, װאָס גײט פאַרבײ אַ שטומער,
װעט צוריק שױן מער נישט קומען
פון דעם תהום פון צײטן.

נאָר װער װעט מיר פאַר רגעס פרײע,
װאָס הינטער שורות קראַטעס כ'האָב פאַרשלאָסן
און פון זײער שײנקײט נישט גענאָסן,
געבן פרײדן נײע?

קײנער װעט זײ מיר נישט געבן —
עס שװימט די כװאַליע אײן מאָל בלױז פאַרבײ,
הינטער איר שױן שטײט אַ צװײטע אין דער רײ —
און אַזױ איז אױך דאָס לעבן.

דער הינט און די צייט

יעדער הינט זאָגט אָן
מיט פּויקן און טרומייטערס
נייע העלדן,
וואָס נישט פריער און נישט שפּעטער
זענען נאָך אַזעלכע נישט געווען
און וועלן שוין נישט זיין —
ווי אַ פאָן
לייכט אין חושך זייער שיין,
זיי טרייסטן און זיי וועקן
און יעדעס זייער וואָרט איז אַנטפּלעקונג,
שטאָלצער רוף צו פרייהייט.
נאָר אין דער זייט
שטייט אַלעמאָל פאַרטאַיעט
די אַלטיטשקע חכמה צייט
און צום נעכטן כיטרע שמייכלט:
מען דאַרף נישט דן זיין אים צום שלעכטן,
יעדער הינט איז אַ ביסעלע געשלאָגן אויפן שכל,
נאָר ביי מיר אין שוים
ווערן אַלע העלדן אוים
און גראָד נאָך די,
וואָס ווערן אָפּט פאַרשווינגן,
בלייבט דער שענסטער ניגון.

ווײל איז צו די...

ווײל איז צו די וואָס זײך שטאַפּלען אַלץ העכער
אין פרײד און מנוחה פון שטאָקן צו שטאָקן
מיט גלויבן אין זוניקע דעכער,
מיט צוטרוי צו הײליקע גלאָקן.

איך בין געשמידט צו דער זינדיקער ערד,
ווו אָפּגרונטן שוואַרצע
עס זענען באַשערט
צו טראָגן אין אײגענעם האַרצן,

און זוכן פאַרשאָטענע קוואַלן
אויף בלאָנדזשענדע וועגן,
און ווערן געשטרויכלט און פאַלן
דעם אײגענעם חלום אַנטקעגן

און ביז צו דעם נס פון פאַרגאַנג
אַרומגײן אַ שכורער שטענדיק
פון ליבע, פון זינד און געזאַנג,
וואָס ווערן אין טרויער פאַרענדיקט.

נעכט

אין איילעניש איך קלייב דעם רעשט צונויף
פון אלע מיינע צייט־פארזייען —
די פריידן און די ווייען —
פאר סאַכאַקלדיקן סוף.
מתנות טעג ווי בלעטער רוישן
אין פאַרנעפּלטן זכרון
און צווייגן־יאָרן
הענגען צו דער ערד אַראָפּ ווי קוישן
געפלאָכטענע פון ווינט.

מיין גאַנצער שכורער אַמאָל
ליגט אדם־נאַקעט אויף דער שאָל
פון ניכטערנעם אַצינד
און עס שרומפּט זיך איין די צייט
צו אַ ליניע בלויז,
צו אַ פּינטעלע די גרויס —
און איך ווער פאַרזונקען אין דער אייביקייט.

דאָס וואָרט פון דיכטער

דעם דיכטערס וואָרט
קומט פון אָפּגרונטן צו גיין,
קומט פון האַרץ פון פאָלק,
ווי קוואַלן פון געפּלאַצטן שטיין,
קומט פון יענעם אָרט,
וווּ דער ווייטיק איז אַליין,
וווּ יעדע שעה
עס איז די פרייד
פון טרויערן באַגלייט
און איינגעקלעמט אין רו
עס ליגט די פּיין,
ווי פינצטערניש אין שיין.

דאָס וואָרט פון דיכטער
איז נישט קיין היילונג זיסע
ווייטיקן צו שטילן,
נישט קיין בלויזער רוף
צו עמעצנס געפילן,
צו עמעצנס געווויסן,
נאָר אַליין דער ווייטיק,
אַליין דער ריכטער
און אַליין די שטראָף.

עס טרעפט

עס טרעפט, אַז אומגעריכט —
פון פינצטערניש עס פליסט אַרויס אַ קוואַל פון ליכט,
אין שוים פון צער איז פרייד פאַרבאָרגן,
אין דורכפאַל — אָנזאָג וועגן קומענדיקע זיגן,
דער טריבער היינט ווערט שוועל פון העלע מאָרגנס
און דער אמת שפּראָצט אַ שטאָלצער אויף פון ליגן.

גאַריבאַלדי

אזוי וועט שוין זיין:
דער וואָס אין שטרייט און אין פיין
דעם קעניג דערפירט צו דער מאַכט,
וועט אונטער דער האַק פון פאַרדאַכט
דער ערשטער אַליין
אונטערגיין,
און דער פיינד
ווערט אַ פריינד,
אַ פאַרטרוילעכער מאַן,
וואָס יעדער זיין שפּאַן
איז געשיצט און געהיט — —
און ס׳ווערן גאָר קיינמאָל נישט מיד
די האַרצלאָזע צייטן
בלויז די טיטולן צו בייטן
און איבערצוחזרן כסדר
דעם זעלביקן סדר.

פאַרוואָס איז די זון
אַזוי אומעטיק היינט?

אויף פעלדער
נאָך גרינען די גראָזן,
עס האָט נאָך דער פויגל
זיין נעסט נישט פאַרלאָזן,
דאָס וועווריקל פריילעך
אויף צווייגן נאָך קלעטערט
און ס׳ליכטיקט דער טייך נאָך
מיט בלאָלעכער שיין —
פאַרוואָס זשע איז זון
אַזוי אומעטיק היינט?
און ס׳רייסן דיביימער פון זיך
די גילדענע בלעטער?

מיין וואַנדערלעכער וואָגן

פון באַגינען שטייען
איינגעשפּאַנט אינצווייען
אין מיין וואַנדערלעכן וואָגן
און אין וועג אַריין זיך לאָזן גרייט —
דער טרויער
און די פרייד.
און אַנטקעגן
אַלע הימלען טאָגן,
און אַנטקעגן
אַלע הימלען בלויען.

נאָר אין איין זייט ציט די פרייד
אין דער צווייטער ציט דער טרויער
און ביים אויפגעפּראַלטן טויער
וויינט מיין שאָטן שטילערהייט.

ווו־זשע זאָל איך פאָרן?
וועלכער איז איצט מיין באַשערטער וועג? —
וויינענדיקע ווערבעס ביי די טייכן —
מיינע פריערדיקע יאָרן,
פייגל, וואָס צום הימל גרייכן —
מיינע קומענדיקע טעג.

וואָס טאָן מיט מיין נאַריש האַרץ

וואָס טאָן מיט מיין נאַריש האַרץ,
ווען אינגאַנצן אומגעריכט
עס וואַרפט אַראָפּ פון זיך
די קאַלטע מאַסקעס
פון די קלוגע טעג
און אין נאַכט־שוואַרץ,
צעשויבערט און צעכראַסטעט,
עס לויפט אַרויס אין מיט פון וועג
און רופט נאָך הילף אין אַלע זייטן שטומע —
ווער וועט זיין געשריי דען הערן,
ווער וועט אין דער פינצטערניש דען קומען?
אַז אַלע גראָזן, אַלע ביימער דרימלען,
און די הימלען
טריפן שטיל מיט בוימלדיקע שטערן.

אותיות דורכגעליכטיקטע

אותיות דורכגעליכטיקטע פון שניי און זון,
ווערטער אויסגעפּיבערטע אין פּיין —
קענען דען אַ בלענד טון
מיט פאַרפּירערישער שיין?
שווין דער שוועב אַליין
אויף ווייסע פליגל
צו אויסגעדאַכטע הייכן
מיט ווי און שטום געוויין
אין האַרץ פאַרזיגלט —
קען צום הימל גרייכן.
און דער שטילער ניגון
פון אַ גלויביק ליד —
פייערלעך און ליכטיק ווי קאַיאָר —
מיט זיין לויטערקייט אַ תיקון גיט
דער פאַרקלעמטער וואָר
און דעם טרייסטנדיקן ליגן.

רייד

רייד, רייד, רייד —
ימים רייד,
בלויז אין סאמע מיט
א אינדזעלע א שטומס
אין שוויינגן.
אויף דעם אינדזל מיינע טריט
אנטרונענע פֿון ווערטער־שוים
בלאָנדזשען דורשטיקע ארום
אין בענקשאפט נאָך דעם צווייטן ברעג,
ווו פרילינגדיקע טעג
הענגען אין א בלאָען רוים,
ווי בליענדיקע צווייגן.

די טרויעריקע שפּיל

יעדע פרייד
באַגלייט
אַ שאָטן אויך פון טרויער,
יעדע פּיין —
אַ שיין
פון האָפענונגען בלויע.

צווישן גראָזן גרין
אַ שפּין
גאַנץ אָפּט באַהאַלט זיך
און אין גראָע שטעט
געשעט —
אַ בלימעלע צעשטראַלט זיך.

אַזוי איז שוין פון אייביק אָן:
די זון
מיט וואָלקנס האַנט ביי האַנט,
די רויזן מיטן דאָרן,
דאָס שטאַרבן מיט געבאָרן
קומען שטענדיק זאַלבענאַנד.

ס'איז אַ טרויעריקע שפּיל.
איך ציל —
וואָלט מען זיך צו אים דערקליבן
און די גרענעצן דערזען קלאָר
פון חלום און פון וואָר —
וואָלט מען דאָך קיין לידער נישט געשריבן.

פאַרבלענדעניש

יעדער שטורעמווינט
ציט אַריין מיין טרויעריק געזאַנג
אין זיין ווירבלדיקן גאַנג
און דרייט מיט דעם אויף בלינד
אין אַ כשוף־קרייז אָן זין,
נאָר ווי די שטורעם־צייט פאַרגייט,
טו איך גלייך די געשיכטע
איבערדיכטן
און עס באַקומט זיך גאָר דערפון,
אַז דאָס האָב איך דעם שטורעם אָנגעדרייט.

נעמט נישט פאַר אומגוט...

נעמט נישט פאַר אומגוט מײַן טרויער,
וואָס דויערט און דויערט,
מײַן קומען צו זוניקע שוועלן
באַלאָדן מיט נאַכטיקע שאָטנס —
עס הערט נישט דאָס האַרץ קײַן באַפעלן
און וויל נישט מיט מיר זיך באַראָטן.

איך זאָג דעם: אָט זע נאָר דעם שׂכל,
ווי פריידיק ער פליט אין די הייכן —
די צײַט האָט באַפוילן פאַרגעסן
אין אַלץ, וואָס געווען און פאַרשוווּנדן —
צו וואָס זיך דעם טאָגליכט דערעסן
מיט צײַלן אָן אויפהער די ווונדן?

נאָר ס׳ענטפערט דאָס האַרץ אָפּ ווי שטענדיק:
כ׳הייב אָן, וווּ דער שׂכל פאַרענדיקט
און כ׳בין אים נישט קיינמאָל מקנא —
ווען ער וועט צום הימל דערפליען —
וועלן בלומען דען אויפהערן וויאַנען?
וועלן טעג דען פאַרמײַדן די שקיעה?

נעמט נישט פאַר אומגוט מײַן טרויער,
וואָס דויערט און דויערט —
נישט אַלע דאָך זאַנגען
הייבן די קעפּ אויף אין שײַן —
פון אייגענער שווערקייט געפאַנגען,
בייגן זיך אײַניקע אײַן.

פון פראָסטיקן צפון

פון פראָסטיקן צפון
עס יאָגן שוין ווינטן ווי בייזע אַרמייען,
באַגינען, ווען וועכטער אויף ראָגן נאָך שלאָפן,
עס קומען מרגלים און נעפּלען פאַרשלייערט.

זיי שפּירן געהיים אויס די גערטנער און פּאַרקן,
די בלאָע באַסיינען פאַרהילן מיט רויכן,
באַזוכן מיט שוואַרצע וואָראָנעס די מאַרקן,
מיט זילבערנע שראָנען די פענצטער באַהויכן

און שטיל און פאַרטאַיעט
זיי שלייכן דורך טיר און דורך טויער
מיט יאָמער פון ווייטע לוויות,
מיט אַלטע ניגונים פון טרויער

און וועקן פונסניי אויף פאַרצויגענע ווונדן,
און בענקשאַפטן שטומע
נאָך יאָרן, וואָס זענען פאַרשווונדן
און וועלן שוין קיינמאָל נישט קומען.

די גרענעץ

און אָט איז די גרענעץ די לעצטע פון זיין,
דאָס לעצטע פּאַסיקל שיין —
א טיפער בלוטיקער שניט,
די שאַרף פון אַ חלף
פראָסטיק צעגליט.

דערנאָך איז שוין גאָרנישט נישטאָ,
פאַרגליווערטע שטילקייט און רו,
צוריקגאנג פון תיו צו דעם אַלף,
ווו ס׳לעשן די אותיות זיך אויס,
דאָס וואָרט ווי א נעפּל צעקריכט,
דאָס ליכט
קערט צוריק צו זיין פינצטערער שוים,
און די ערדישע שאָל,
און די הימלען די בלויע
ווערן צוריק ווי אין חומש אַמאָל —
תהו ובהו.

אין יענעם אָוונט

כ'האָב אין יענעם אָוונט
דיר נישט נאָכגעזאָגט קיין שבחים —
מיט דיין פריינדין בלויז אינצווייען
דיינע אומעטיקע לידער
נאָכאַמאָל געלייענט.
און ס'זענען אַלע שאָטנס ביי די ווענט
געזעסן שבעה,
אין אַלע שויבן האָט די נאַכט געוויגט
אירע ציטערדיקע שטערן
און די ביימער אינעם פּאַרק אַנטקעגן
האָבן אין נעאָנען־שיין געגליווערט
מיט די קרוינען נאַקעטע פאַרבראָכן.
פּלוצעם —
האָבן דיינע ווערטער אָנגעהויבן
זיך אַליין צו זאָגן
מיט דיין שטים
און מיט דיין ניגון
און מיר —
דערשראָקענע — דערפרייטע —
זענען לאַנג געזעסן איינגעהאָרכטע
און געשוויגן.

דאָס ליד

עס לויפט פאַרביי די כוואַליע און פאַרשווינדט.
דער שטראַל, וואָס צינדט די כוואַליע אָן אין לויף,
לעשט אויס זיך אינעם האַרבסטיק־קאַלטן ווינט,
נאָר ווען זיי דאָס ליד הערט נישט קיינמאָל אויף.

ד ע ר מ א נ ו נ ג

דערמאָנונג

כ׳וויים נישט,
צי כ׳האָב עס געזען אויף וואָר,
צי ס׳איז מיר צו חלום געקומען —
אויף א ים פון שיין
זענען ווייסע שיפן געשווומען
צו אַן אומבאשטימטער ווייט
מיט זעגלען צעשפּרייט
ווי פליגלען אין ווינט,
און אַלע מיינע יאָר
האָבן זיי בלינד
ווי שוימיקע כוואליעס באגלייט
אין אין־סוף פון צייט,
און אלץ וואָס געווען,
וואָס איז און וועט זיין
אין געוואָרן אצינד.

אַ ווונדערלעכע רייזע

כ׳האָב היינט ביינאַכט
געמאַכט
אַ ווונדערלעכע רייזע —
שמעקנדיקע ווינטן
האָבן מיך געפירט
איבער זון־פאַרפלייצטע וועגן,
ווייסע הייזער,
איינגעטונקענע אין גרינס,
זענען מיר געגאַן אנטקעגן
און נאָענטע געזיכטער
האָבן מיך מיט האַרציקייט באַגריסט.

ווי אַ בעכער ווייַן,
איז פול געווען מיין ברוסט
מיט שוימענדיקער פרייד
און מיין בליק
מיט שיין מיט גאָלדענער,
ווי מיט אָראַנזשן־זאַפט.

פון ליכט פאַרבלענדט,
איך בין געגאַנגען און געגאַפט —
די באַזונטע הענט,
ווי פליגל אויסגעשפּרייט
צו עמעצן,
וואָס האָט געגעפּלט אין דער ווייט
און אין דער זעלבער צייט
אין מיר אליין גערוט.
און אַ וואָרט פון ליבשאַפט
האָט געציטערט אין מיין בלוט.

אין אַ כּישוף־לאַנד

כ'בין געקומען פון זיך אַליין,
פון אַ כּישוף־לאַנד.
דאָרט וווינט מיין פאָלק
אויף אַן אָפּגרונט־ראַנד
צווישן הויכע בערג
און די עכאָס פון זיין באַרג־געזאַנג —
ווייסע שיפן אויף אַ בלויען ים,
רויטע פעלזן אין אַ מדבר־גלות,
ווי פאַרקילטער פלאַם,
ווי פאַרגליווערט בלוט.
איבער זיי פליסן אָן אַ צאָל
הייסע שטראָמען פרייד
פון דעם אורקוואַל פון געוויין,
פליסן אין אַ טאָל,
וואָס איז פול פאַרזייט
מיט שטיין
און שרעק.
כ'בין געזעסן דאָרט ביים וועג,
וואָס פירט פון באַבי־יאַר
צום מאָנומענט פון זיג
און געוויינט פון צער,
און געוויינט פון גליק.

אַ רעגנבויגן אין די בערג

ס׳האָט קיינער נישט געהערט,
ווי ס׳האָט מיט ציטער דיך באַגריסט מיין בלוט,
ס׳האָט קיינער נישט געזען,
ווי ס׳האָט מיין האַרץ געקושט דיין ברעג,
אין די טאָלן דיינע
האָבן מיינע בענקנדיקע נעכט
ווי קעמלען שטיל גערוט,
מיינע גוסדיקע טעג
האָבן ווידער אויפגעפלאַמט ווי ליכט
און פון די בערג
האָט אַ רעגנבויגן אַראָפּגענידערט
און ווי אַ וווּנדער־טעפּיך
זיך געשפּרייט פאַר מיינע טריט.
פון פאַרבן־שפּיל פאַרבלענדט,
ס׳האָט מיין לעבן נישט דערווידערט
צו דעם רעגנבויגן־ניגון
פון מיין נייעם ליד.



דער קליינער קאַקטוס

דער קליינער קאַקטוס אין מיין צימער
גליט מיט גאָלדיק־ברוינעם שימער,
וואָס אין וויַיטן לאַנד
אין דער לופטן שוועבט,
לויכט אַרויס פון רויטן זאַמד
און אַ טייל איז
פון דעם רוים, וואָס איז געוועבט
פון זון און תכלת.

טיילמאָל טרעפט
אין בין־השמשותדיקער שעה —
די פייגל גרייטן זיך אויף רו,
דער הימל קושט פאַרקלערט
מיט לעצטן גלי פון זון
די מידע ערד,
דער אָוונט בעט זיך אוים
אין נעפל פונעם טאָל —
און מיטאַמאָל —
דער קליינער קאַקטוס צינדט זיך אָן,
און ווי דער סנה
ער בלייבט אין פלאַמען שטיין
און ברענט, נישט ווערנדיק פאַרברענט.

עס האָט, זעט אוים,
דער קליינער קאַקטוס נישט געקענט,
אַנטרינענדיק פון אייגנער גרוים,
אַנטרונען אויך פון זיך אַליין.

וועגן

אַלע כשופדיקע וועגן,
וואָס האָבן צו דער גרויסער וועלט געפירט,
און איינער מיטן אַנדערן זיך נישט באַרירט
און נישט געגאַנגען זיך אַנטקעגן —
פירן איצט צו דיר.

און ס'איז שוין מער נישט וויכטיק,
ווער עס האָט דעם אַלטן לויף פאַרקרימט,
ווער דעם נייעם גאַנג באַשטימט
און צי איז ער ריכטיק —
אַלע ליגן איצטער ביי דיין טיר.

באַוואַקסענע מיט טרוימען, ווי מיט וויאַנענדיקן גראָז,
מיט שטיינער אָנגעזאַמלט אין די וואַנדער-זעק,
מיט שטויב פון היימען חרובֿע באַדעקט
און מיט זונען-שפּליטערס, ווי קאָלירטע שערבלעך גלאָז —
די שוואַרצע גריבער צו באַצירן.

ס'האָט דער גורל זיי צו דיר געפירט,
און זיי קענען שוין צוריק נישט גיין,
ווייל יעדער טאָג איז ווי אַ פאַלנדיקער שטיין,
און אַלץ וואָס האָט ביז איצט פּאַסירט —
קען שוין קיינמאָל אַנדערש נישט פּאַסירן.

די לעבנס־געשיכטע פון אַ קווייט

די איינציקע שולד פון דער קווייט,
פון דער רויטער און שטאָלצער קווייט,
איז באַשטאַנען אין דעם,
וואָס געוואַקסן איז זי נישט געהיים
ערגעץ־ווו אין אַן עק
ביי דער זייט פון אַ וועג —
פון גראָזן געהיט,
פון שונאים פאַרשטעלט,
נאָר אין סאַמע אין דער מיט
זיך צעבליט און צעהעלט.

איז אַ פור אָנגעפאָרן
מיט פעטע מיושבע פערד,
וואָס האָבן נישט קיינמאָל פון בלומען געהערט,
אַ פור אַ באַלעגאָלישע ברייטע,
און די קווייט אומגעוואַרנט
צעטרעטן.

אַזוי האָט איר לעבן זיך טראַגיש פאַרענדיקט
און דער וועג וואָס געפירט האָט צו זוניקער שטאָט
איז געבליבן פאַרפלעקט שוין אויף שטענדיק
מיט איר אומשולדיק בלוט.

נישט אומזיסט

פֿאַר דעם פֿרייען פֿויגלשן געזאַנג,
פֿאַר דעם הפֿקרדיקן וואַנדער פֿונעם ווינט,
פֿאַר די שטורעמס אין די בערג,
פֿאַר די שטילקייטן אין טאָל,
פֿאַר יעדע זינד,
וואָס איז געשען שוין פֿון לאַנג,
וואָס געשעט אַצינד,
און געשען וועט נאָך ווען עס איז אַמאָל —
פֿאַר אַלץ, פֿאַר אַלץ איך צאָל
מיט אייגנבלוט אויף יעדן טראָט — — —
נישט אומזיסט
האָט איר מיך אויסגעוויילט פֿאַר אייער גאָט.

זיי נישט טרויעריק, מיין קינד

זיי נישט טרויעריק, מיין קינד,
דאָס שיינע מעשׂהלע איז נישט געגאַן פאַרלוירן —
אויף די גרינע צווייגן שפּילט אַ יונגער ווינט,
די זון זינגט ווידער אויף די אַלטע מויערן.

די פּרינצעסין האָט פון אירע קייטן זיך באַפרייט
און שענער נאָך און יינגער
זי שיינט אַרוים פון געפלדיקער ווייט —
אַ ווייסע רויז צווישן דערנער.

און זע: עס איז געשען
ווי אין שיינעם מעשׂהלע באַשריבן —
דער גוטער פּרינץ האָט אויפגעלעבט פון טויטן שטיין,
וווּ ס'האָט דער בייזער קעניג אים פאַרטריבן.

אין דיר, מיין פאָלק

אַ פונק האָט אָפּגעריסן זיך פון פלאַם,
אַ טראָפּן איז אַנטלאָפן פונעם ים,
צו לעבן גאווהדיק פאַר זיך אַליין —
און דאָס איז זייער סוף געווען.

באַהאַפטן מיטן בוים,
איז יעדע בלאַט דאָס ליכט פון רוים,
די שירה פון דער ערד.
מיט זיך אַליין — צום ווינט בלויז זי געהערט.

אין דיר, מיין פאָלק, איך בין יאָרטויזנטער שוין אַלט,
און יעדער קלאַנג איז שיין, און יעדעס וואָרט — געשטאַלט.
אָפּגעשיידט פון דיר, איך בין אַ רגע בלויז,
אַ שאָטן וואָס פאַרשווינדט, אַ שטומער אות.

צי האָט אַמאָל

צי האָט אַמאָל אַ שטומע בלאַט
אין צייטן האַרבסטיק־טריבע
איר אייגנשטאַם פאַראַט
און צו אַ צווייטן שטאַם אַריבער?

און ווען אַ בייזע האַנט
האָט אַ צווייג פון בוים פאַרשניטן,
צי האָט די צווייג דען נישט אין פרעמדנלאַנד
געבליט מיט אירע בליטן?

און דו ביסט פון דער ווערבע שטילער
צום רוישנדיקן דעמב אַריבער
מיט זיינע בלעטער זיך פאַרהילן,
מיט זיינע זאַפטן זיך צעגרינען,
אַז קיינער זאָל אין צייטן טריבע
אין דיין געשטאַלט דיך נישט געפינען.

דאָס וואָרט

כהאָב זיך מיטן טרוים פארברידערט
און כ׳וועל אים לאָזן לזכרון
אינעם קלאנג פון מיינע לידער,
אינעם זין פון מיינע יאָרן.

נישט קיין גאָלד און נישט קיין גיטער —
ס׳בלויזע וואָרט איז מיין פארמעגן.
כ׳האָב באקומען עס צו היטן
דורך די פרעמדע בייזע וועגן.

און עס איינגעפאסט אין הארצן,
מיט מיין בלוט געטאָן דערנערן,
עס זאָל אויך אין נעכט אין שווארצע
לייכטן נישט אויפהערן.

יעדע כוואַליע

יעדע כוואַליע דערטראָגט צו דעם ברעג
דאָס געזאַנג פון דעם שטראָם
און פאַרהיט
ביז דער לעצטער מינוט
פון איר אומרו־פאַרגאַנג
דאָס ליכט פון דער זון,
די שאָטנס פון טאָג.

אויך איך אויף מיין וועג
פון תהום צו תהום
דאָס ליד
פון פיין און פון מוט
מיין פאָלק דורך געזאַנג
איך דערמאָן
און פאַרזאָג.

מיין געבוירנטאָג

מיין געבוירנטאָג זיצט שבעה אַצינד,
זיינע עלנטע געזאַנגען
טרייבט אַרום אַ בייזער ווינט
איבער אַלע לענדער.
און איך, אַ קינד געפאַנגען,
זיץ ביי אַ יום־טובדיקן טיש אַ פרעמדן
און היל אין קאַלטער שיין
מיין טרויער איין.

נאָר לכבוד מיר
איז אויפגעגאַן אין מיטן שטוב
אַ בוים אַ גרינער
און ער אַליין איז אויפגעשטאַנען פון דער גרוב
און אַלע צווייגן אויסגעצירט
אין לויכטנדיקע שטערן,
אַז ביז באַגינען,
ווען אַלע צויבערשיינען אויסגעלאָשן ווערן,
זאָל קיינער שוין נישט צווייפלען מער,
אַז איך בין ער.

נאָר מיטן טאָג,
ווען דער כשוף וועט זיך אָפּטאָן פון דער שטאָט,
וועלן מיר שוין אָפּוואַרטן אויפן ראָג
די פרומע לייט,
וואָס הייליקן זיין נאָמען איבער בעכערס בלוט,
און שעלטנדיק די צייט
פון יונגן ליכט צערייצט,
צושלאָגן מיך פונסניי צום קרייץ.

אין מײַן אויסטערלישן גאַנג

אין מײַן אויסטערלישן גאַנג
מיט אַלע שטורעמטעג צוזאַמען
ס'האָט זיך אויסגעטאָן די וואָר
פון צײַט און אָרט.
אין מײַן קעניגרײַך פון וואָרט
איז פאַרבליבן נאָר
פון שוואַרצע פלאַמען
ס'גרויליקע געזאַנג
אונטער הימלען ברוינע
און די שטילע קלאָג
פון ברענענדיקער ערד.

נאָר דער שונא
האָט נישט אויפגעהערט
אויף מײַן יעדן טאָג
זײַנע צײַנער שאַרפן
און דער וועלט צו דראָען:
אויב אים איז געלונגען
אויף אַ פּיצל ערד צו רוען,
דאַרף מען אין דעם ים אים וואַרפן,
אויב אויף וואָגל און אויף וואַנדער
זײַנע שרעקן קלינגען —
וואָרנט יעדן לאַנד ער —
איז עס נאָר,
כדי די וועלט באַצווינגען.

היט אייך, רופט ער, וואַכזאַם זייט,
שליסט פאַר אים אַ יעדע ווייט,
אָן רחמנות
טראָגט אַנטקעגן אים דעם גזר,
אַז זיין רוען איז סכנה,
אַז זיין וואַנדער איז געפאַר
און זיין יעדער שפּאַן
טוט די לענדער צינדן.
בלויז איין אויסוועג
איז פאַר אים פאַראַן —
פון דער ערד פאַרשווינדן.

און איך
גיי אַלץ אַרום נאָך
ווי אַ שכור
און זוך פאַר גאָרער וועלט
אַ תיקון
אין דעם שיינעם חלום
פון מיין זיידן ישעיהו
וועגן שלום
אין סוף פון אַלע צייטן,
וועגן לייב,
וואָס וועט מיט שעפעלעך
צוזאַמענוווינען,
און כ׳גלייב,
אַז ס׳איז מיין דור שוין ראוי
די שווערדן
אויף רידלען צו פאַרבייטן
און די דערנער-קרענץ —
אויף קרוינען.

מיין פאַטערלאַנד

מיין פאַטערלאַנד איז דאָ, ווו קאיאָרן העלע
ליכטיקן אויף אַלע שוועלן
און פרימאָרגנדיקע וועגן
גייען אַלעמען אנטקעגן.

דאָ, ווו אַלע טאַטעס, אַלע מאַמעס
דעם טאָג באַגעגענען צוזאַמען
און אויף אַלע שפּראַכן
קינדער זאָרגלאָז לאַכן.

מיין פאַטערלאַנד איז דאָ, ווו די זון איז,
און דרייסטער טראָט איז נישט פאַרבונדן מיט סכנות,
און יעדער פענצטער אָפן איז פאַר שטורעם
און יעדע אַרבעט איז מיט פרייד געאָרעמט.

דאָ, ווו יעדער פויגל אין באַגינען
קאָן זיין פרייד און טרויער זינגען
און יעדער בוים זיך אומעטיק פאַרטראַכטן
אין די טונקעלע פאַרנאַכטן.

מיין פאַטערלאַנד איז דאָ, ווו אין פרילינג־צייטן
בלויען אַלע וויטן,
און אַלע גראָזן צו דער שיין זיך ציען,
און אַלע בלומען זיך אלצאַיינס צעבליען.

דאָ, ווו האַרבסט־טעג טריבע
פילן הערצער אָן מיט ליבע
און די ערד פאַר אַלעמען געגוגנט,
ווי אין חלום פון מיין יוגנט.

צום זיבעציקסטן געבוירנטאָג
פון פּרץ מאַרקיש

רויטער געוויטער
דורך שטעטלעך און שטעט,
ווינטן מיט פלאַמיקע טריט,
טייכן מיט בלוטיקע שוימען.
און אין סאמע אינדערמיט —
ער —
דער שוואַרצלאָקיקער ריטער
פון שטורמיש־צעזונגענע רייד,
וואָס ברעכט אויף פארגליווערטע צוימען,
פארהוילענע וועגן צעכראַסטעטע
און אויף מאַרקן צו הפקר פארקנסטע —
דער וועכטער,
וואָס לעסטערט און הייליקט און וואַכט
ביי קופּעס געשענדעטן לייב
פון מאמעס און טעכטער,
פון טאטעס און זין
און מיט אייגענע בלוטן פארשרייבט
די שחיטות פון נאכט
אויף דער שוועל פון באגין. —

ער —
דער צעוויכערטער גלאָק,
וואָס דער ליכטיקער ווינט
פון פארטאָג

האָט צעווייגט און צעצינדט
מיט מבולם פון גליאיקע קלאַנגען,
מיט פונקען פון שייטערס־עקדות,
מיט כאָרכלען פון גסיסה־געזאַנגען
פון גאַנצענע עדה׳ס
און מיט שיינען פון קרענעצעס קלאָרע,
וואָס האָבן געזויגן ווי קינדער
די וואונדער
פון יונגע קאַיאָרן.

ער —
דער וואַסערפאַל ווילדער,
וואָס האָט מיט צעשטורעמטע אָרעמס צעמאָלן
די אַלטע עטרות פון זילבער
פון אַלע פאַרגאַנגענע דורות,
צעשפּרייט זיי אויף בערג און אויף טאָלן,
ווי זריעות פאַר אויפגאַנג פון תורות,
נישט פון קיין געטער געבענטשטע
מיט קנאה און שנאה,
נאָר פון מענטשן פאַר מענטשן —
מיט ליבשאַפט, מיט גנאָד און פאַרגינען
און אין געסעלעך שטילע
פון ענגע און טונקעלע שטעט
געברענגט זיי דורך ליכטיקן טויער
פון פרילינג
מיט בענקשאַפט און פרייד
און מיט אַלטן פאַרבאָרגענעם טרויער — — — —

זיינע באַפליגלטע רייד
האָבן ווי רעגנס פון ברכה געניזערט
אויף דעם יידישן לשון
און די גראָע פאַרצייטישע וואַנדער־ירושה
פאַרבריזערט
מיט יונגער און פאַרביקער פרייד.

נאָר די וועלט,
וואָס ווי נאָר די זון פארגייט
אויף אונדזערע לעבנס לויערן,
זיי זענען געשטאנען שוין גרייט
מיט גיריקע ציין
ביי די טויערן,
די פינצטערע שאָטנס פון נאַכט
צו דערמאנען,
אז אונדזער געביין
איז אלץ נאָך פאראנען —
פון קיינעם באוואַכט.

זיי האָבן זיינע טירן געהיט,
ווי שפינען באזעצט יעדן שפאלט,
צו דערשטיקן זיין וווּנדערלעך ליד,
צו פארלעשן זיין ליכטיק געשטאלט.

נאָר קענען דען שפינען פארשפינען א קוואַל,
פארשטעלן מיט פינצטערע נעצן די ווייט?
קענען דען בייזע זאווייען פארלעשן א שטראל,
מיט פראָסטיקן אָטעם פארפרירן די צייט?

אָט הערט,
ווי זיין שטים איבער לענדער זיך טראָגט
און פילט אָן מיט פארבן און קלאנגען דעם רוים —
און די האַק,
וואָס האָט זיך פארמאָסטן צו קעפן דעם טאָג,
ליגט אין בלוטיקן זשאַווער פארזונקען אין תהום.

ווען מ׳האָט אייער ליד דערשטיקט

ווען מ׳האָט אייער ליד דערשטיקט צווישן פינצטערע ווענט,
ווען מ׳האָט אייער טרוים מיט אייזערנע קאַמען געקעמט,
האָט דאָס וואָרט ווי אַ קויל אויף מיין ליפּ נישט געברענט,
דעם ווייטיק אין פויסטן פון בונט נישט פאַרקלעמט.

כ׳האָב בלויז ווי פאַרלאָשענע קנויטן די טעג
אין נעפּלען פון טרויער געהילט
און ס׳געשריי פונעם הארצן, מיין איינציק פאַרמעג,
אין טרערן פון אָנמאַכט געשטילט.

נאָר איצט, ווען אויף שטיקער צעפליקט
ליגט די מאַסקע פון שונאס געזיכט,
און הערצער אין אומרו צעווייגט
אויף כוואַליעס פון ליכט

שטעלן זיך ווידער אויף וואך
פון אייער באַליידיקטער שטוב —
איך רוף אייך אַרויס פון דער נאַכט
ווי דעם נביא פון טונקעלן גרוב,

נישט צו פרעגן פון מאָרד דעם באַשייד
און באַנעמען זיין פינצטערן זין,
נישט צו שטערן די איצטיקע פרייד,
נאָר צו פאַדערן דין.

פון איר אַליין,
פון דער הייליקער פאָן.
זי זאָל בלייבן ריין.
ס'זאָל קיין בלוטיקער פלעק
נישט פאַרשטעלן די זון.

חלום חלמתי

חלום חלמתי —
אויף אַלע פּוסטע פעלדער
אויף אַלע וויסטע ימען! —
אַ בייזער חלום האָט זיך מיר געחלומט
אַ פינצטערער
ווי אַלע אָפּגרונטן צוזאַמען
און כ'קאָן פון שרעק זיך נישט דערמאָנען
וויפל צייט ער האָט געדויערט
צי האָב איך אים אין שלאָף געזען
צי אויף דער וואך
און ווי איז דאָס געשען
וואָס דער ייד דאָרט
מיט דער באָרד דער גרויער
ווי אויף דעם בילד פון לינקען *)
איז אין זעלבער צייט געווען
מיין זיידע
דער געשאָכטענער אין גזירת ת"ח
און מיין טאַטע
דער פאַרגאַזטער אין טרעבלינקע —
ביידע
האָט דער בייזער חלום
אויסגעמישט צוזאַמען
אין אַ גרויל-געמעל פאַר קינד-און-קייט —
אויף אַלע פּוסטע פעלדער
אויף אַלע וויסטע ימען! —

---

*) באַקאַנטער פּוילישער מאָלער.

אָט זעט!
אין זייער האַנט דער לינקער
רענדלעך גאָלדענע צעפינקלען
אין דער רעכטער
אַ פאַרשוועכטער
בליצט אַ סערפּ אַ רויטער
ווי אַ בלוטנדיקער מולד
און צופוסנס קינדער טויטע
וואָס די ביידע האָבן שטיל געקוילעט.

ווער האָט דאָס געמעל געמאָלן
מיט די בלוט־פאַרקילטע פאַרבן ברוינע?
אַ שונא
צו פאַרשוועכן
מיט זיין אייגענעם פאַרברעכן
דעם אָנדענק פון קדושים
זיין קרבן אויף אַ הענקער טוישן —
און ווער וועט פאַר דעם צאָלן?

אָ לאַנד פון מיינע טרוימען,
פון מיין ערשטן יוגנט־גלויבן,
פון די טיפסטע תהומען
האָסט צו טאָגליכט מיך דערהויבן.
אין דעם גרעסטן שטורעמווינט
אויף מיין ים פון טרויער
כ׳האָב דעם טרוים פון מיינע זיידעס
ביי דיין ברעג פאַראַנקערט און געדויערט —
טו זשע אויך אַצינד
דעם בייזן חלום מיר באַשיידן,
מיין יוגנט־גלויבן ווי אַמאָל באַזינען
און די האַנט פון שונא ווי אַ וווּנד אויסשניידן,
כ׳זאָל אין הארץ דיך ווידער אָפּגעפינען,
כ׳זאָל דעם שטרענגן אורטייל מיר פאַרמיידן.

ווער וועט באַצאָלן

צום יום־טוב פון הייליקן פייער,
וואָס באַדאַרפט האָט ער קומען,
וואָס געמוזט האָט ער קומען,
כ׳האָב מיינע יינגלשע יאָרן
נזיריש געגרייט —
פון דורשטיקער יוגנט
פאַרטריבן די פרייד,
דעם תענוג דערווייטערט
און וואָכן,
חדשים
און יאָרן
דעם גוף און נשמה
געלייטערט,
געשייערט —
איז וואָס דען פון יום־טוב געוואָרן
דעם יום־טוב פון הייליקן פייער? —
ווער האָט פאַרגליווערט זיין פלאַמיקן לשון,
מיט וואָכיקע שטויבן
פאַרשאָטן דעם גלויבן,
אויף שטיקלעך צעבראָכן
דעם שופר של גאולה —
און ווער וועט פאַר דעם אַלץ באַצאָלן?

אַ דין־תורה מיטן ווינט

אויסגעטאָן פון גוף,
עס וואַכט
דאָס וואָרט אַצינד
ביי מיינע בלינדע שויבן
און דורך דער טונקלקייט פון נאַכט
מיך רופט
צו אַ דין־תורה מיטן ווינט,
צו אַ בונט אַנטקעגן אויבן
פאַר פאַרגעטלעכן די פיין,
די טומאה
און געוואַלד:
— זאָל דער טרייער שומר
נישט פאַרצוימען זיך מיט שיין,
נישט פאַרגיסן צביעותדיק קיין טרער
אויף דעם גורל פון דער אומה,
וואָס דער אשמדאי מכלומרשט
אין זיינע צוואַנגען האַלט,
ווייל ווער האָט דען די גרענעץ
צווישן טאָג און נאַכט פאַרשוועכט,
דעם פאַס פון צווישנשייד
אין אַ שלאַנגנקנויל פאַרדרייט
און די שטאָלצע היטער פון דער זון
אָנגעטון

אין מיצלעך קאָמישע פון קנעכט —
ו ע ר איז ער דער עמעץ?
צווישן אייך ער גייט אַרום
און אויף אייערע ער זיצט נאָך שוועלן —
טאָ זאָל מען א י ם
צום משפט שטעלן.

די צייט

אין גאנג פון דער אלטער געשיכטע
עס טרעפן אזעלכע אויך יאָרן —
שטאָט זון,
ברענען קינסטלעכע ליכטער,
שטאָט שטערן,
א מבול פון נולן.
נאָר די,
וועלכע האָבן פארשולדיקט,
זיי וועלן באצאָלן.
ווייל צייט איז געדולדיק,
נאָר שטרענג איז איר הארבער זכרון.

אַ מעלדונג דעם זיידן

פון רעשט פון דער פּוילישער ייִדישער עדה —
א מעלדונג דעם זיידן:

ס'האָט אַלץ זיך געענדערט
אין אונדזערע לענדער
זינט דיינע אמאָליקע צייטן —
ביי אונדז, ווי ביי לייטן,
נישט בוידן,
ווי וואָלקנס אין ווינט,
דורך זאַמדיקע וועגן אַצינד
די מעשות אויף עברי־טייטש פירן
און אויך נישט ווי בעטלער צו טירן
עס קומען די שרייבער
מיט וווּנדער־געשיכטעס פאַר ווייבער
פון שיינע פּרינצעסינס און ריטער
אין ווייטע פאַרכישופטע ערטער —
ס'האָט אַלץ דאָ ביי אונדז זיך געביטן.

די ייִדישע ווערטער,
צעשליידערט פון שטורעמס,
פון בראַנד און געוויטערס —
די אייניקלעך דיינע,
ווי דו מוכר־ספרימס,
זאַמלען מיט ציטער
און גלויבן

פֿאַר היימען מיט אָפֿענע שויבן,
פֿאַר היימען און גרינע קוואַרטאַלן —
געבויטע פֿאַר אַלע.

נאָר אין גלופּסק און קאַבצאַנסק איצטער שטיל איז,
דיביימער, ווי דו האָסט באַשריבן,
נישט שאָקלען זיך מער ווי צו יידישע תּפֿילות,
ווי שאָטנס בלאָנקען ארום זיך ביי חרובע שטיבן
בנימין און פֿישקע און אַלע פֿאַרשווינען
און אין די קאַיאָרן, וואָס אַלץ נאָך זיי שטווינען
מיט ליכטיקן חידוש —
עס זינגען שוין מער נישט די פֿייגל אויף יידיש.

איז ווען מיר איצטער —
כאָטש ווייניק,
נאָר אייניק —
מיט הענט,
וואָס האָבן געברענט,
און פֿאַרברענט נישט געוואָרן,
די אותיות אין פֿלאַמען צעגליטע,
וואָס האָט נישט באַוויזן דאָס אַש צו פֿאַרשיטן —
פֿאַר וויטערע דורות פֿאַרהיטן.

דויער

פֿאַראַנען אַזעלכע וואָס זאָגן:
די פֿלעמעלעך לעצטע פֿאַרשווינדן —
צו־וואָס זיי פֿונסניי איצטער צינדן,
ווען הימלען אויףביימער שוין טאָגן?

זאָלן שוין זייערע פֿינקען
אין רואיקער גסיסה
די אויגן די גילדענע שליסן
און אין אייביקן פֿרידן פֿאַרזינקען.

און מיר פֿון פֿאַרלאָשענעם שייטער
וועלן פֿון נאַכטיקן טרויער
אין ליכטיק־פֿאַרטאָגיקן טויער
אַריינגיין מיט אַלע געלייטערט.

עס זענען אַזעלכע פֿאַראַנען.
זיי פּרוּוון די בלוטיקע ווונדן
מיט פֿאַרביקע טיכער פֿאַרבונדן
אויף מער נישט דערמאָנען,

מיט בלענדיקע ליכטער
פֿון פֿרעמדע צעפֿינקלטע טישן
די הייליקע אותיות פֿארווישן
פֿון אַלטער געשיכטע.

נאָר ס'וועלן נישט קיינמאָל צו יענע
אונדזערע הערצער געהערן —
די טעג זענען בלינד נאָך פון טרערן,
די נעכט נאָך מיט פייערן ברענען.

און ווער ס'האָט דעם גורל געמיטן,
טראָגט אין זיין הארץ זייער שבועה
נישט אויף קיין אשן צו רוען,
נאָר ווייטער דעם שייטער צו היטן

און דורך אַלע רויכן און פלאַמען,
און דורך אַלע לענדער צעשפּרייט
מיט גאָלדענער קייט
פאַרבונדן די דורות צוזאַמען,

און זיין ווי דער טייך,
וואָס שטראָמט פון די אייגענע קוואַלן,
ווי דער וואַלד, וואָס העקער אָן אויפהער באַפאַלן,
און דאָך צו די באַרגשפּיצן גרייכט,

און דויערן, דויערן, דויערן,
ביז אַלע לשונות פאַרברידערט
וועלן די זעלביקע לידער
אין פרייד און אין פרידן געבוירן.



כ׳שטעל אַפּ דאָס ציילן פון דער צייט

יאָרן האַרטערע פון שטאָל
און שאַרפער פון חלפים,
איבער אייך, ווי איבער יעקבס לייטער,
טראָגן אַלץ נאָך שרפים
ווי אַמאָל
מיין חלום ווי אַ שייטער.

אויף העל־קאַיאָריקע מזבחות
ליגט פאַרברענט דער טאָג, וואָס איז פאַרגאַנגען
אין אַש פון נאַכטיק־טרויעריקע „איכות"
און ס׳צינדן אָן זיך נייע פריידיקע געזאַנגען.

ווידער שפּראָצט אין נעפּלדיקער ווייט
דאָס ליכט וואָס ס׳איז געגאַן פאַרלוירן —
כ׳שטעל אַפּ דאָס ציילן פון דער צייט
און ווער מיט יונגן טאָג פונסניי געבוירן.

אויף מילע=גאס

אויף דער מילע־גאַס

ערגעץ־ווו איז איצט דער הימל בלאַס,
זקנים אויף די שוועלן דרימלען,
קינדער אין דער שויס פון מאַמען
קוקן איין זיך אין די לעצטע שטראַלן,
האָרכן צו זיך צו די אָוונט־גלאָקן
און שלאָפן שטילע איין ווי טויבן.

אויף דער מילע־גאַס
ברענען אַלע זיבן הימלען,
שטורעמווינטן וויגן קינדער איין אין פלאַמען,
מאַמעס איינגעהילט אין פייערשאַלן
שפרינגען פון די שטאָקן
און אין בראשית־שטויבן
זיך צעפאַלט די גליענדיקע ערד.

בלויז אַ רויטע אָפּגעשפּאָלטענע לבנה
איז אין לופט פאַרשטאָכן ווי אַ קרומע שווערד —
די גאַנצע וועלט צו וואָרענען און דערמאָנען.

געטאָ־פּייזאַזש

איבער ווענט צעפּליקטע און צעשטיקלט,
איבער אויפגעריסענע עטאַזשן,
הענגט אַ קוימען,
ווי אַ שוואַרצע פאָן.
אין גראָען דעמער איינגעוויקלט
מיט טונקל־בלוילעכע באַנדאַזשן
קייקלט זיך דורך אַלע רוימען
אַ גוססדיקע זון.

איבער אויסגעקרימטע פּרענטעס אייזן,
ווי סקעלעטן פון פאַרמבולדיקע חיות,
הענגט אַ וויגל אויפן ווינט,
אַרום דעם וויגל כמאַרעם קרייזן —
ווילדע וואָגלדיקע סטאַיעס
הונגעריקע הינט.

און אין סאַמע וויסטן מיט
אויף אַ גראָען שטיין
צופוסנס פון געליימטן כביכול
זיצט דעם קאָפּ מיט אַש באַשיט
און וויינט
די מאַמע רחל.

דער זינגער און דער דייטש

פייערן און רויכן,
חורבן און פאַרוויסטונג —
אין דער מיט אַ דייטש אַ הויכער
אין דער פולער ריסטונג.

און דעם דייטש אַנטקעגן שטייט
אַ זינגערל אַ קליינער
מיט אַ פידל גרייט
צווישן הויפנס ביינער.

זאָגט דער דייטש מיט שפּאָט:
כ׳האָב אייך אַלע טויט געשלאָגן,
אין אַש פאַרוואַנדלט אייער שטאָט,
ווילסטו מיט אַ ניגון מיך פאַריאָגן?

עס געפעלט די שפּיל מיר זייער:
דו מיט קלאַנגען, איך מיט קוילן —
ווער עס וועט זיין מנצח,
דעם געהערט דאָס שיינע פוילן.

זעט דאָס זינגערל: אַרום
שטאַרצט די וואַנט פון געטאָ־גיהנום,
און די ווייטן זענען שטום,
און די הימלען אַלע ברענען,

און אַ שוואַרצער רויך זיך ציט
אַלע וועגן צו פאַרשפּינען —
ווי זשע וועט דאָס לעצטע ליד
פון דעם פייער־ים אַנטרינען.

פלוצעם פון דעם שרפה־ליכט
איבער פאַלנדיקע שטאָקן
גייט אויף שמשון אומגעריכט
מיט צעפלאַמטע לאָקן:

„ס'איז די צייט נישט איצט —
זאָגט ער — זינגערל, פאַר קלערן" —
און פון פידל טוט אַ בליץ
מיט אַ גליענדיקן שטערן.

טרעבלינקע

אַ וואַלד פון גרויע גליווערדיקע שטיינער,
ווי פון ערד אַרויסגעוואַקסענע
נישט דערברענטע ביינער —
פון די טאַטעס,
פון די מאַמעס,
פון די ברידער.

און זעט:
אַלע וועגן דאָ אַרום
אין טרויער זינקען,
ווייל פאַראַן איז איינער צווישן זיי,
וואָס געפירט האָט קיין טרעבלינקע.

און אַלע שטעטלעך דאָ אַרום
ווי פאַרשעמטע שטומען,
ווייל פאַראַן איז איינס דאָ צווישן זיי,
וואָס נאָך טראָגט דעם נאָמען.

און אַלע כמאַרעס אויף דער ערד דאָ
לעשן אוים די שטערן,
ווייל נאָך אָנגעזאַפּטע אַליין
מיט די קינדערישע טרערן,

מיט די מאַמעשע געוויינען,
מיט די שוואַרץ־געדיכטע רויכן,
וועלכע קאָנען נישט פאַרשווינדן
פון טרעבלינקער הויכן.

אַלע טייכן זענען רויטע

אלע טייכן זענען רויטע,
אַלע ביימער וויאַנען,
ביי די שוועלן ליגן טויטע —
אויף די גאסן דייטשן שפאַנען.

אויפגעפּראַלט איז טיר און טויער
פריי פאַר ווינד און ווייען —
ווי די חיות אויפן לויער
אויף די ראָגן דייטשן שטייען.

הייזער פינצטערע ווי קברים,
שטעט פאַרריגלטע ווי תפיסות —
דייטשן וואכן אויף די טורעמס,
אויף די וועגן דייטשן שיסן.

נאָר אין וועלדער ווערט געבוירן
פון דאָס ניי דער אלטער זמר —
„ס'איז נאָך פּוילן נישט פאַרלוירן" —
און עס ברענען אלע ביימער.

באַנען אין דער לופטן שפּרינגען,
בריקן איבער תהומען קראַכן —
און עס לויפן דייטשע יונגען
ווי די האָזן איבער שליאַכן.

און מיט שרעק זיי זעען ווידער,
ווי די ביימער גרינען,
ווי עס זינגען נייע לידער
אויפגעטאַיעטע באגינענס.

און זיי יאָגן, און זיי יאָגן,
און נאָך זיי מיליאָנען טויטע,
און נאָך זיי מיליאָנען קלאָגן,
און נאָך זיי די טייכן רויטע.

ביז זיי קומען צו די גריבער —
„שווארצע גריבער, רויטע ליים" —
שוין נישט וויית די דייטשע שטיבער,
שוין נישט וויית די דייטשע היים.

נאָר ווי זינקענדיקע שיפן
אלע וועגן דאָ זיך וויגן —
קינדער רופן פון די טיפן,
נעבן זיי די מאמעס ליגן —

און זיי קענען נישט אריבער,
און זיי בלייבן אייביק שטיין
ביי די שווארצע גריבער,
ביי דער רויטער ליים —

כ׳פרעג ביי יעדן וואַנדערנדיקן ווינט

כ׳פרעג ביי יעדן וואַנדערנדיקן ווינט —
אויף וועלכן וועג, ביי וועלכן שטיין
איז זייער אַש צעשפּרייט,
אפשר האָט ער זיי
אין טויטן־גאַנג באַגלייט
און זייער לעצט געוויין
פאַרהיט נאָך ביז אַצינד — — —

נאָר ס׳ענטפערט יעדערער פון זיי:
כ׳בין נאָך יונג
און ווייס נישט וואָס איז טויט
און וואָס עס איז געוויין.
אויף גרינע וועגן כ׳גיי
און אַלץ אַרום מיר זינגט,
און אַלץ אַרום מיר בלויט
אויף נייע העלע טעג —
אפשר וועט מיין זיידע
דיך פאַרשטיין —
ביי מיין אַלטן זיידן פרעג.

נאָר אין אַ הייל שוין ליגט
אין זיך אַליין פאַרוויגט
דער אַלטער ווינט
הייזעריק און בלינד
און פון זיין טונקל ווינקל
פול מיט ווינד און וויי
בלויז פון צייט צו צייט
ער טוט נאָך קוים אַ פינקל
מיט אַ שטערנדל פון שניי
צו דער קאַלטער ווייט.

נישטאָ אַזאַ טרייסט

עס גייען די טעג נאָך אויף שאַרפן פון מעסערס
און ס'טרינקען די נעכט זיך אין אָפּגרונטן שוואַרצע —
נישטאָ אַזאַ טרייסט, וואָס זאָל געבן פאַרגעסונג
און קענען פאַרלעשן דעם ווייטיק אין האַרצן.

די צייט וויל די וונדן נישט היילן —
ווי הייליקע שייטערס זי צווינגט זיי צו היטן
און כסדר די יאָרן לויט יאָרצייטן ציילן,
און כסדר די וועגן מיט אַשן באַשיטן.

אַרום שטייען קברים באַוואַקסן מיט בלומען
און ביינער און טאָלן מיט גראָז זיך פאַרציען —
נאָר ווער וועט פון גופים אין רויכן צעשוומען
די הייליקע פונקען פאַר דורות צעגליען?

ווער וועט אין טרויער פון יאָרצייט-ליכט שטעלן
די נעמען אין פלאַמען פאַרקוילטע — דערמאָנען,
עס זאָל אין דעם גרויליקן חשבון נישט פעלן
דער חשבון דער גרעסטער פון טויטע מיליאָנען?

עס זאָל זייער לעצטער פאַרפייניקטער ניגון
נישט אויפהערן קיינמאָל זיין מאַרש פון די גריבער
און הערצער באַרוטע — אין שוידער צעווויגן,
און מערדער — פאַרטרייבן די רו פון די שטיבער?

בלויז נאָר די ווינטן דערציילן די גרוילן
און ברענגען פון שטעט און פון שטעטלעך דעם יאָמער —
געלעבט האָט אַ פאָלק אין דעם קעניגרייך פוילן,
געלעבט און נישטאָ מער.

די שורות פון מיין ליד

כ'האָב די שורות פון מיין ליד באַפוילן:
פון יענע שוידער־טעג
פאַרהיטן כאָטש אַ שאָטן פון די גרוילן,
כאָטש אַן עכאָ פון דער שרעק,

זיי זאָלן אומגיין ווי געשפּענסטער
אויף דער ערד, וואָס איז פאַרשוועכט,
און די פרייד פאַרלעשן אין די זאַטע פענצטער,
און די רו צעשטערן פון די שטילע נעכט.

צוואַנציק יאָר האָבן זיי געוויקלט זיך אין אַש,
צוואַנציק יאָר זיך איינגעהילט אין רויכן,
די אותיות קאַנטיקע אין בלוט פאַרגאָסענעם געוואַשן,
מיט וויי־געשריי געוועקט די קאַלטע הייכן

און צוריק געקומען,
געזאַלבטע צוויטן —
גופים אָן נשמות
געהייליקטע, נאָר טויטע.

וועל איך זיי פונסניי מיט וואָך פאַרבונדן,
אויסטאָן פון דער טויטער קדושה,
עס זאָלן הויך א רעד טון אַלע ווונדן
אויפן פראָסטן יידיש-לשון,

עס זאָלן אַלע קדיש-זאָגער
זייער לעבעדיקן ווי דערהערן
און נישט באַוויינען, נישט באַקלאָגן,
נאָר ווי לעבעדיקע — לעבן נישט פאַרוווערן.

רוף מיך מער נישט

רוף מיך מער נישט בײַ מײַן נאָמען,
זאָג מיר מער נישט ליבער —
אַלע נעמען זענען שטומע,
אַלע ליגן אין די גריבער.

פּרוּוו מיט וואָר מיך נישט פאַררײדן,
מיט חלומות נישט פאַרוויגן —
כ'האָב זיך אָנפאַרטרויט זײ בײדן,
און זײ בײדע זענען ליגן.

כ'האָב אויף וואָר אַ בוים פאַרפלאַנצט,
אין חלום אָנגעטאָן אין צווײַטן —
זענען אַלע צווײַגן גאַנץ,
מײַנע איז פאַרשניטן.



שוועסטער מיינע

שוועסטער מיינע,
איבער אַלע וועגן פון מיין ערד געטריבענע,
צווישן אַלע וועלדער פון מיין לאַנד פאַרלוירענע,
פון אַלע שטעט אייראָפּעס דאָ פאַרבליבענע
אויף אומקום און אויף פּיינען —

אין די נעכט,
ווי שוואַרצע וויגן איבער אָפּגרונטן,
צעהוידעטע פון בייזע שטורעמווינטן,
כ'וויג די קינדער אייערע, נישט געבוירענע —

ביז דער מאָרגנשטערן בלאַסער
שפּאַלט די פינצטערניש אין צווייען,
צינדט אין טרויער־שיין די גאַסן,
אין יאָרצייט־ליכט די טונקעלע אַלייען.

אַ מידער, נאָר מיט אויגן וואַכע,
כ זע ווי ס'וועקט די שטאָט זיך פון איר דרימל,
אויף די ראָגן קינדער פריילעך לאַכן,
נאָר אין מיינע שויבן וויינט א גרויער הימל.

פאַר וועמען זיך באַקלאָגן?

פאַר וועמען זיך באַקלאָגן,
ביי וועמען מאָנען
פאַר דעם מאָרד און פאַר די פּיינען,
פאַר די בלוטיקע פאַרטאָגן,
פאַר די טויטע זונען —
ס'איז קיין דין נישטאָ און נישט קיין דיין.

אָט זעט:
אויף פריי
עס גייט אַרום דער מערדער ווידער,
און יעדעס מאָל ווען די זון פאַרגייט,
עס שרעקט די שוואַרצע נאַכט פונסניי
אין זיינע לידער.

צי האָט מען נישט אַליין
פאַר דרייסיק זילבער־שטיק געגעבן אים אַ תיקון,
די בערג פון אַש פאַראָטן,
פאַרשוועכט דאָס הייליקע געביין —
איז ווער זאָל איצט זיין טראָט פאַרבאָטן,
זיין ווילדע שטים דערשטיקן?"

נאָקטורן

באַלד וועט ווידער נידערן די נאַכט,
פון דער ווייסל וועט אַ צי טון שטיל אַן אומעטיקער ווינט,
לאנגע שאָטנס וועלן ביי מיין שוועל זיך שטעלן אויף דער וואַך,
אַלע שויבן וועלן ווערן בלינד.

נאָר קעגנאיבער אין דער טונקעלער אַליי,
ביי דעם גראָען אָנדענק־שטיין,
וועט אַן איינזאַם פלעמל ווי אַ צאַנקנדיק געשריי
אויפגיין און פאַרגיין.



וואַרשע מיין שטאָט

וואַרשע מיין שטאָט,
קלייד נישט אָן
אַלע אויסגעברענטע ווענט,
אַלע רויטע ציגל —
מיינע
פאַרגליווערטע
ווונדן —
אין ווייסע באַנדאַזשן פון ליים.
זאָלן זיי נאַקעטע שטיין,
אַז יעדער
פון מזרח און מערב,
פון צפון און דרום
זאָל אייביק זיי נאַקעטע זען.

וואַרשע, מיין שטאָט,
גיי אויף, גיי אויף
פון דעם נעפּל
אין די זילבערנע פאַרטאָגן
אַ פּילשטאָקיק־שלאַנקע,
אַ לויכטנדיקע ווייסע,
ווי אַ חלום
און נאָך שענער,
אַז יעדער
פון מזרח און פון מערב,
פון צפון און פון דרום
זאָל, זעענדיק דיך זאָגן:
פּיקאַסאָס טויב פון שלום.

אָפּטימיסטישע באַלאַדע

אין סאַמע מיט פון שטאָט
שטייט אַ שטיין
און אונטערן שטיין
אינאיינעם מיט מיין מערדערס גאָט
רוט אויך מיין געביין.

גאַנצע טעג אַזוי צוזאַמען
מיר ליגןביידע טויט —
איך, געוויינלעך, איינגעהילט אין רויט
און ער אין מאַנטל פון זיין גרויסער מאַמען —
דער צניעותדיקער מויד.

נאָר ווי די זון פאַרגייט
מאַרשירן מיר פון דאָרט אַרויס
און איילן זאַלבעצווייט
צו דעם מערדערס הויז.

הער נאָר, המן —
זאָגט צו אים זיין גאָט —
מאַכסט צו שאַנד מיך און צו שפּאָט,
האָסט געמאָרדעט אין מיין נאָמען
קעגן מיין געבאָט.

נאר כיטרע־טאַמעוואטע
האָסט מיין צורה ווי אַ פּאָן
אויפגעהאָנגען אויבנאָן
און, טייטנדיק די טאַטעס,
געבוקט זיך צו דעם זון.

טאָ זאָל אין אַש פאַרוואַנדלט ווערן
אויך דיין גוטס און האָב,
ווי מיין טאַטנס שטוב —
כ׳וויל דיין תפילה מער נישט הערן,
מיט מיין טאַטן כ׳בלייב אין גרוב.

נאָר דער מערדער האָט זיך נישט פאַרלוירן.
אָן אַ וואָרט צו ריידן,
האָט ער אָנגעהויבן בוקן זיך צוביידן —
און ס׳האָבן זיך פאַר אים געעפנט אַלע טויערן
פון גן־עדן.

ס׳איז דיר נישט באַשערט

זייער בלוט איז נאָך נישט אָפּגעשווענקט פון רעגנס,
ווינטן האָבן זייער אַש נאָך נישט צעבלאָזן,
נאָך יאָמערט זייער טראָט אויף אַלע וועגן,
זייער טרער נאָך פּיטערט אַלע גראָזן — — —
און דו, מיין פריינד,
זיצסט ווידער שוין אין טויער,
ווי אַ שופט אין געריכט,
און מיט ערנסטן געזיכט
אויף שטרענגער וואָג
דו וועגסט אַ יעדן טרויער
און מעסט אַ יעדע קלאָג.

דיינע טעג ווי זעגל־שיפן שווימען
מיט אַלע כוואַליעס ברוזיקע צוזאַמען
אין דער ריכטונג פונעם ווינט,
און אין די נעכט, ווען אַלע ווינטן זענען בלינד,
ברענען נישט מיט שוואַרצע פלאַמען
דיינע הימלען,
און ס׳איז דיר נישט באַשערט
צו פילן אונטער דיינע טריט,
ווי ס׳רירט זיך שטיל די ערד
און איבער איר אַן אויפהער זידט
דער ים פון טרערן,
וואָס וויל נישט איינגעזונקען ווערן.

צו אַ דייטשישן פּאָעט

נאָך אַזוי פיל יאָרן
כ׳וויל, קאָלעגע, דיך כאָטש איין מאָל
לאָזן גריסן
פון די אָפּגרונטן פון מיינע נעכט.
ווי אין יענע שוידער־צייטן,
ס׳ברענט נאָך אַלץ אין זיי
דער גיהנומדיקער פלאַם,
וואָס די „אויבערמענטשן״ פון דיין שטאַם
האָבן דאָ צעצונדן אַזוי העליש
אין מיין לאַנד.

כ׳וויל, קאָלעגע, נאָך אַזוי פיל יאָרן
דיך כאָטש איין מאָל לאָזן גריסן
פון די וויינענדיקע ווערבעס —
מיינע טעג —
וועלכע וואַכן אַלץ נאָך אויף די וועגן
קיין טרעבלינקע,
קיין מאַידאַנעק,
קיין אָשוויענטשים,
און די שווערע הענגענדיקע צווייגן —
מיינע שעהן אָנגעלאָדענע מיט ווייטיק —
האָרכן אַלץ זיך איין נאָך
אין די טיפע קרעכצן פון דער ערד.

יאָ, קאָלעגע,
אַלץ נאָך קרעכצט די ערד דאָ
פון די נישט דערברענטע,
נישט דערגאַזטע,

לעבעדיק פאַרשיטע — — — —
מיינע טאַטעס,
מיינע מאַמעס,
מיינע קינדער,
וואָס די ברוינגעשפּענסטער פון דיין שטאַם
האָבן צו דעם טויט געטריבן
מיט אַ הינטישן געביל און שפּאָטישן געלעכטער.

אויף יעדן וועג,
וואָס פירט צום טויער פון דיין לאַנד,
גליווערט אַלץ נאָך דאָ דער גרויל
פון יענע טעג
און וואַך איז נאָך די שרעק
אין יעדן האַרץ
פאַר דער חיה־רעה
אין דעם מענטשלעכן געשטאַלט,
וואָס האָט דאָ אין דיין שפּראַך
אויף דורות לאַנג
דיין פאָלק געשענדט.

ווייל איך איצט כאָטש איין מאָל לאָזן גריסן
פון מיין גרויסן בראָך,
פון מיין טיפן טרויער,
דיין געווויסן,
וואָס אין שווייגן דויערט
שוין אַזוי פיל יאָר
און ווערט פון זיך אַליין נישט אויפגעריסן,
ווערט נישט ווילד־משוגע פון דעם קין־צייכן,
צינדט נישט אָן זיך פון דעם בושה־פלאַם
פאַר דער ברוינער בעסטיע פון דיין שטאַם,
וואָס גייט נאָך אַלץ אַרום אויף דיינע גאַסן
פראַנק און פריי
מיט דעם שוואַרצן שפּין,
דעם האַקן־קרייץ,
אויף שטערן.

אויף אָפּרו

דאָ זעַנען קענטיק נאָך די טריט
פון מיינע אויסגעמאָרדעוועטע ברידער,
כאָטש אנדערע די הייזער, אנדערע געזיכטער —
די זאמדן האָבן זיי אין זיך פארהיט,
ווי צייכנס בלוטיקע פאר דער געשיכטע
און פאר מיינע טרויעריקע לידער.

פון אונטער קאלטן ווייסן שניי,
וואָס האָט די ביימער און די ערד
אָנגעטאָן דאָ אין תכריכים,
דאָס הארץ מיינס זייער ווייגעשריי
אין דעם בייזן וויכער
פון די וועלדער הערט.

און ווען געמיטלעך ס׳פינקלען דאָ די שויבן
און די שטיבלעך איינגעטוליעט דרימלען,
זיי וואנדערן ארום
מיט די ווינטן אויבן,
און עס וויינען שטום
מיט טרערן איינגעפרוירענע די הימלען.

בײַ די גריבער

כ׳בין אַלע הײַכן דורכגעגאַנגען
און צוריקגעקערט אין טאָל
צו די שטילע נאַכטיקע געזאַנגען,
כ׳האָב די גרענעץ דורכגעשפּאַנט
צווישן מאָרגן און אַמאָל,
צווישן האַרצן און פֿאַרשטאַנד,
צווישן גאָרנישט־נישט און אַלץ,
נאָר בײַ די גריבער
מיט פֿאַרגליווערטן געוויין
כ׳בין ווי אַ זײַל פֿון זאַלץ
געבליבן שטיין
און מער שוין נישט געקענט אַריבער.

זיי וואַכזאַם, מיין ברודער!

ברודער, דיין הארץ נישט פארמאַך
אויפן זילבערנעם שלאָס בלויז פון טרויער —
עס איז נאָך צו ענד נישט די שלאכט,
דער שונא שטייט אלץ נאָך ביים טויער.

פארשטשעמע די ציין, די טרערן פארהאלט —
עס איז נישט די צייט בלויז פאר קלאָגן.
די ריטער פון מאָרד, פון אומגליק און גוואלד
די טאָגעס פון ריכטער נאָך טראָגן.

נישט גלייב זייער וואָרט, ווען מיט האָניק עס טריפט,
נישט טרוי זייער בליק, ווען מיט חניפה ער קווועלט —
עס איז זייער זיסקייט געלאָדן מיט גיפט
און אין שאָפּענע פעלן פארטאיען זיך וועלף.

זע, ווי מע פלאסטערט פונסניי שוין א וועג
פאר גרויזאמען טראָט,
און דער הייליקער אָנדענק, דיין איינציק פארמעג,
איז פארקויפט צו א גיריקן גאָט.

א מעסטל פון פיין אויף א רענדל פון גאָלד —
זיי האָבן דעם האַנדל געוואַגט,
צו האָבן דעם בלוטיקן חשבון באצאָלט
און ווידער פארהייבן די האַק —

אלול

דורך פעלדער
און וועלדער
פון שטעטלעך פאַרלענדטע,
געשענדטע בית־עולמס,
פאָרכטיקע ווינטן זיך טראָגן
צו חרובע ווענט.
און אַרום
שטייען שטום
אין די בלאַסע פאַרטאָגן
נאַקעטע ביימער
אין פראָסטיקן שימל,
ווי גולמס,
מיט פאַרריסענע קעפּ
צום פאַרבעלמעטן הימל
און מיט צווייגן —
פאַרבראָכענע הענט —
פאַרשטייפטע פון שרעק.

אַ רייזע

אויף צעווינטיקטע הויכן,
איבער וועגן,
וואָס פירן קיין לובלין פון וואַרשע,
כ'האָב זיי באַגעגנט
אין אַשיקע וואָלקנס און רויכן
אין לאַנגע לוויה'קע מאַרשן —
פון דעמבלין,
פון פולאַווו
און קראַשניק,
פון בעלזשעץ,
נאַלענטשאָוו
און קוזמיר,
פון הונדערטער שטעטלעך דלמעלה —
מיינע פאַרשרפהטע ברידער
מיט גופים
אין פלאַמען צעגלידערט,
ווי שרפים,
מיט גרויליקער שאלה
אין גליאיקע בליקן —
מיליאָנען צעפּלויגענע פונקען —
וואָס האָבן אין ענדלאָזן רוים,
ווי אין אַ תהום,
זיך געטרונקען
און געפאָדערט אַ תיקון.

אומעט

אַ לעבן לעשט זיך אויס אין פּיין
און ס'קאָן אפילו זיין,
אַז ס'איז פון לאַנג שוין אויסגעלאָשן,
און בלויז אין מיר
נאָך צאַנקט זיין אויסגעבענקטע שיין,
און בלויז אין מיר
נאָך וויינט זיין אויסגעוויטיקט לשון.

מיט שטורעמווינט
לויפט דער טאָג פאַרביי געשווינד,
די נאַכט —
מיט יוגנט־חלום אויף די שויבן בלויט.
אויף די אָרעמס
כ'טראָג אַן אומבאַוועגלעך קינד
און כ'ווייס נישט,
צי ס'איז לעבעדיק, צי טויט.

כ׳שעם זיך

כ׳שעם זיך,
וואָס ענלעך צו מיינע
עס זענען אויך זייערע הענט —
וואָס האָבן
די טאַטעס און מאַמעס פאַרפייניקט,
די קינדער און זקנים פאַרברענט.

כ׳שעם זיך,
וואָס זייער געזיכט
איז אויך צו א מענטשלעכעס ענלעך,
און פונקט ווי פאַר אונדז
גייט אויף אויך פאַר זיי דאָס פאַרטאָגיקע ליכט
און עס איז זייער לשון פאַרשטענדלעך.

וואָס זיי אויך ווי מיר
וווינען אין מענטשלעכע שטיבער
מיט קינדער און ווייבער,
ווי ס׳זאָלן גאָר קיינמאָל נישט האָבן געוועזן
קיין טויזנטער ליימיקע גריבער
און קופּעס פאַרשרפהטע לייבער.

און פרייע
זיי גייען נאָך היינט אין די גאסן ארום
און ביי טישן מיט שוימיקע ווײַנען
זיי לאַכן מיט וועלפישע ציינער —
און די שטיינער פון וועגט זענען שטום
און עס הערט נישט די זון אויף צו שיינען.

וויפל איז דער שיעור

מען זאָגט צו מיר:
פאַרגעס!
וויפל איז דער שיעור,
אַז יעדערער מעסלעס
זאָל ווי אַ לאָגל
פול זיין בלויז מיט קלאָג,
מיט ווייטיק פון דערמאָנען?
אַז אין טעג פון לויכטנדיקע זונען
זאָלסט דורך גאַסן פון אַ יונגער שטאָט
גיין אין זיך פאַרטאַיעט
מיט שווערן אבלדיקן טראָט,
ווי נאָך אַן אומגעזעענער לוויה?
איז ווער זאָל קומען מיט געזאַנג
די העלע טעג אַנטקעגן,
און ווער זאָל אין דעם נייעם גאַנג
דער ערשטער פלאַסטערן די וועגן?

אמת, פריינד,
אויף אַלעביימער בליט
די פרייד פון היינט
מיט רויטן צוויט,
פייגל זינגען
צווישן גרינע בלעטער
וועגן העלן שפּעטער
און דורך רוישנדיקער שטאָט
מיט קלאַנג פון שטאָל
שפּאַנט מיט פעסטן טראָט
מיין חלום פון אַמאָל,
נאָר אין אַ זייט פון ברייטן וועג
ליגט פאַרגליווערט נאָך אין שטיין
די שרעק פון ברענענדיקע טעג,
דאָס צבורדיק געוויין
פון אַ פאָלק געפירט צו מאָרד
און ס׳בלאָנקעט נאָך אַרום
אין לופט זיין וואָרט
און זיינע שפּורן בלוטיקן נאָך אומעטום.

קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
קיינמאָל נישט פאַרגעבן

קיינמאָל נישט פארגעסן,
קיינמאָל נישט פארגעבן —
אזוי וועט אונדזער לעבן
דורך פאראָבלטע מעסלעסן
אין ריטם פון די ווערטער
גיין אויף אלע וועגן
איבער שטעט צעשטערטע
נייע שטעט אנטקעגן,
איבער גריבער שווארצע,
טראָגנדיק אַ שטומע
זייער קלאָג אין האַרצן,
זייער רוף צו נקמה.

קיינמאָל נישט פארגעסן,
קיינמאָל נישט פארגעבן —
און ווער עס וויל נישט גלייבן,
און וועמען ס'איז דערעסן,
זאָל מיט אונדז אינייינעם
גיין דורך אלע גרויל-טרעפּ
צו די בערג פון שיכלעך,
צו די בערד פון זקנים,
צו די בלאָנדע צעפּ
און פרומע פרויען-טיכלעך
אין די וויסטע געטאָ-היילן,
אין טרעבלינקע און מאידאַנעק —
און זאָלן זיי דערציילן,
און זאָלן זיי דערמאנען.

קיינמאָל נישט פארגעסן,
קיינמאָל נישט פארגעבן —

נייע פּלענער וועבן
רוצחישע עסעסן,
געבלשע רעקרוטן
ווידער שוין באַפעלן,
און מיט האַקנקרייץ אין בלוטן
און אין בליקן גזלה
איבער דייטשלאַנד שפּאַנען
אין מלחמה־מאַרשן —
טאָ זאָל מען זיך דערמאַנען
אַראַדור און וואַרשע,

זאָל מען זיך דערמאַנען
בירקענאַו און דאַכאַו,
לידיצע און שטוטהאָף —
און ווער עס וועט נישט וואַכן,
און ווער עס וועט פאַרגעבן,
פאַרשולדיקט זיך זיין לעבן,
אַלס קרבן און אַלס שותף.



אין קעניגרייך פון טרוים

אין אַ לבנהדיקער נאַכט

אין איינער אַ לבנהדיקער נאַכט
כ׳האָב זי אויסגעטראַכט
וואָרער נאָך ווי אויף דער וואָר.
ווי דעם שלאַנקסטן בוים אין וואַלד
כ׳האָב מיר אויסגעחלומט איר געשטאַלט
און ווי דעם זונענאויפגאַנג אירע האָר.

דערנאָך בין איך מיט איר אַוועק
צו דעם שענסטן ברעג
ביי דעם בלויען ים,
פון ווייסן פערלשטיין
צונעקליבן אירע ציין,
אירע אויגן אָנגעצונדן מיט זיין גרינעם פלאַם,

און זעענדיק, אַז אַלץ איז גוט —
האָב איך אויפן קילן זאַמד גערוט,
באַזינגענדיק דאָס ווערק פון מיינע הענט.
נאָר איידער כ׳האָב פאַרענדיקט נאָך דאָס ליד,
האָט אַ צווייטער שוין מיין קעניגין געהיט
און מיך האָט זי אינגאַנצן נישט דערקענט.

אַליין

אויף דער סען
אין שפּעטער נאַכט
כ'האָב אַ ליד צו דיר געשריבן,
נאָר עס האָט די סען
דאָס ליד דיר נישט געבראַכט
און ס'איז ביי איר פאַרבליבן.

מיט אַ וואָגלדיקן טראָט
אויפן רוישיקן בולוואַר
כ'האָב אויסגעקלאַפּט דיין נאָמען,
נאָר אין אַ פרעמדער שטאָט
איז דאָס האַרץ אַ נאַר —
ס'איז דיין ענטפער נישט געקומען.

אַ לבנה בלויז, ווי אַ גרויסע טרער,
איז געשוווּמען אין דעם הימל בלאָען
ווי אין דער היים — אַן אייגענע,
און דורך מאָנמאַרטר צו דעם סאַקר-קער
אין די לאַקנדיקע אָוונט-שעהן
כ'בין געגאַנגען דיך באַגעגענען.

כ'האָב ליב

כ'האָב ליב די הייסע פרייד אין דיינע אויגן,
דעם פלאַם פון דיינע האָר,
ווי קופּער אויף דער זון,
און דיין פראָסטע הייזעריקע שטים,
וואָס אין קאָרן־ברויט דערמאָנט.

ביסט מיט פרילינג־ווינט באַפאַלן מיינע טריט,
פונסניי צעוועקט
מיינע דרימלענדיקע טעג
מיט דיין יונג צעזונגען ליד,
וואָס איז שוין לאַנג פון מיר אַוועק.

האָבן אַלע מיינע יאָרן ווי אַמאָל
אין פייערזיילן זיך צעשטעלט,
פאַרבלענדט די צייט און צאָל
און בלויז דער היינט האָט שטערנדיק געהעלט.

כ׳בין ווידער יונג

פֿון מיין נייער פרייד
דעם זינען,
פון מיין אלטן טרויער דעם באשייד
כ׳האָב אין דיר געפונען.

און כ׳בין ווידער יונג —
אַ הייסער אומרו אין מיין האַרצן גליט,
מיין גראָער קאָפּ זיך טונקט
אין ווייסן צוויט

און מיר ביידע אומגעריכט,
ווי פייגל איבער הייזער פליען,
און אונטער אונדז די גאַנצע ערד אין ליכט
און אַלע ביימער בליען.

אין וואַלד

שטויבן גילדענע זיך זיפּן
דורכן נעפּל פון באַגין.
אָנגעשוואָלענע ווי אויסגעקושטע ליפּן
ברענען שוין די קנאָספּן גרין.

דער וואלד, א טונקעלער, געהיימער,
וויגט זיך אויף די ערשטע פרילינג־שטראלן.
אין די הייכן איבער אלע ביימער
פליסן טרעלן זילבערנע ווי שטראלן.

און ארום זינגען אלע וויַיטן
און עס זינגט מיין הארץ אויך מיט —
א ליכטיקע דערמאנונג פון פארצייטן
פאר מיין היינטיק ליד.

אייביק יונג

ביסט מיין ליבע,
אייביק יונג —
ווי א פונק
נאָך גליט דיין בליק
און ווי מיט יאָרן צוריק
זענען דיינע אויגן בלאָ
און דיין שמייכל פול מיט שיין.
בלויז די צייט
איז פאַר דער צייט
געוואָרן גראָ
מיט פאַרבן טריבע
אויסגעלאָשענע פון פיין —
איז וואָס־זשע גייט אונדז אָן די צייט?
לאָמיר אויסטאָן זיך פון איר
און אַוועקגייז ווייט
צו אונדזער יונגן פריער.

ערב פרילינג

אלץ ארום איז אומעטיק פארקלערט.
טייכן אונטער זילבערדיקע הייטלעך אייז
זענען אין די טיפן איינגעהערט.
ביימער גליווערן פון שרעק
פאר דעם נייעם זאפטן־גאנג אין קרייז
און די צווייגן נאקעטע פארווארפן
אויף די בלאַסע העלדזער פון די טעג.
און ערגעץ אין די הייכן איבער זיי
שפילן ווינטן אויף א הארפע
און פילן אָן דאָס הארץ מיט זיסן ווײ.

כאָטש ווייט

כאָטש ווייט, זייער ווייט
איז דיין היים,
איז מיר גוט וואָס איך ווייס,
אַז ביסט דאָ,
אַז איך קאָן יעדע שעה,
ווי אַ תפילה און טרייסט
דיין נאָמען דערמאָנען
און אויף ווייסן פאַרבענקטן פּאַפּיר
פאַרפלאַנצן מיין האַרץ לעבן דיר
און גלויבן,
אַז ס'וועט נאָך אמאָל,
אין איינעם אַ שיינעם קאיאר,
אויפגיין צעבליט
אין דיין שוים,
ווי די רויז
אינעם טאָל —
נישט בלויז אין אַ ליד,
נאָר אויף וואָר.

נאַכט

מיט פאַרטאַיעטן לויער
האָבן געגליווערט אין צימער
די שטולן, די שאַנק און דער טיש.
ווי א זילבערנער פיש
האָט אין שויב די לבנה געשימערט
אין בלאָלעכן נעפּל פון טרויער.

אין אַן אויפגעלויכטן פענצטער
האָבן שאָטנס פוןביימער געשווידערט,
געטוליעט זיך איינער צום צווייטן.
לעבן זיי האָבן ווייסע קווייטן
שטייף זיך צעהוידעט
ווי געשפּענסטער.

הויך אין די הימלישע וויגן
האָט אַ שטערן ווי אַ ציטערדיקע טרער
איבער דער ערד געוואַכט.
געווען איז שוין שפּעט אין דער נאַכט — —
ערגעץ ווייט האָט א באַן זיך צעסאַפּעט שווער
און ווייטיקלעך ווילד זיך צעשריגן.



כ׳האָב אין יעדער איינער

כ׳האָב אין יעדער איינער
דיך געזוכט,
אין יעדער איינער
דיך פאַרלוירן.

נאָר דו ביסט אַלע מאָל
פונסניי געבוירן
און אַלע מאָל מיר האָט געדוכט —
אַצינד געהערסטו מיר אַליין נאָר.

און כאָטש איך ווייס:
ווי ביז אצינד,
עס וועט אזוי שוין זיין
ביז מיין לעצטער רגע —
איך וועל דיך באגעגענען
מיט קוואלן שיין
און דו וועסט מיך פארבייגיין בלינד —

ביסטו מיין כישוף־פלעמל
אויף דעם סודותדיקן וועג
פון אומעט און פון פרייד,
פון אויפקום און פאַרגיין,
ווו כ׳בלאָנדזשע אום אין זיך אַליין
און אין זיך אַליין איך זוך באַשייד
אין לאַבירינט פון נעכט און טעג.

*   *

*

כ'האָב געזען שמייכלענדיקע אויגן
און אן אומעטיק געזיכט,
אַ קאָפּ אין טרויער טיף געבויגן
און אין די אויגן ליכט.

נאָר אַז אויגן זאָלן וויינענדיקע לאַכן
און שמייכלען זאָל אַ פּנים מיט געוויין —
אַזאַ געמיש פון שפּראַכן —
זע איך בלויז ביי דיר אַליין.

דער שטילער גאַנג...

דער שטילער גאַנג
פון דיינע טריט
איז ווי אַ פייערלעך געזאַנג
פון אַ פאַרנאַכטיק ליד,
דיין בענקענדיקע שטים
איז ווי אַ מורמלענדיקער קוואַל,
ווען עס שפיגלט זיך אין אים
דער לעצטער אָונטיקער שטראַל,
דיין שמייכל איז אַ קרענעצע מיט ליכט,
וואָס שפרודלט אויף אומגעריכט
פון דער טיפעניש פון הארץ,
און דיינע אויגן זענען שוואַרץ
און טיפער פון דער נאַכט.

און אפשר האָט מיין דמיון גאָר
אַזאַ דיך אויסגעטראַכט?
און אויף דער וואָר —
זענען דיינע אויגן גאָר נישט שוואַרץ,
און דיין שמייכל קומט נישט
פון דער טיפעניש פון הארץ,
און דיין שטילער גאַנג
איז מיט גאָרנישט ענלעך אויף געזאַנג,
און דיין שטים איז צו אַלע שטימען גלייך
און דו ביסט בלויז נאָר איינע פון אַ סך?

ס׳קען גריילעך זיין אַזוי —
נאָר אויך דער הימל
איז נישט קיילעכדיק און בלוי
און אונדזער שיינער ערד
איז קיינמאָל נישט באַשערט
צו טרעפן זיך מיט אים
ביים אויסגעטרוימטן האָריזאָנט,
בלויז איר בענקשאַפט איינגעגליווערט
אין אַ טרער —
אין אייביק וואָגלענדיקן מאָנד —
ציטערט איינזאַם
אויף דעם ברעם פון „גרויסן בער“.

צו אַ פרעמדער

ביסט נאָענט מיר אַזוי און ווייט — — —
שלעכטע לייט
האָבן אויסגעגראָבן צווישן אונדז אַ תהום,
וואָס מיר קענען קוים
מיט שיינע רייד פאַרהילן.

און כאָטש מיר זיצן ביי דעם זעלבן טייך
און ביידע גלייך
פון זעלבן קוואַל דעם דורשט מיר שטילן,
גייען זיך די כוואַליעס אונדזערע פאַנאַנדער.
מיינע — מיט אַן אומעטיקן ניגון
אין כסדרדיקן וואַנדער
הין און צוריק,
דיינע — רואיקע זיך וויגן
ביי דעם גרינעם ברעג.

וועל איך דיר מיין ליד אַריבערוואַרפן,
ווי אַ בריק,
עס זאָלן טעג,
ווי זינגענדיקע האַרפן,
דאָס שוואַרצנעזאַנג פון נאַכט
פון אונדזער האַרץ פאַריאָגן.

ווייל אַלע הימלען איצט שוין טאָגן
און אויף דעם גרויסן וועג
שטייט די זון אויף וואַך.

כדי צו זיין מיט דיר

כדי צו זיין מיט דיר אינצווייען,
כ׳וועל בלייבן היינט מיט זיך אליין
און בלויז פאַר דיר מיין לעבן לייענען
ביז עס וועט דער טאָג פאַרגיין.

אָוונט־צו, אַ ווו דו זאָלסט נישט זיין —
וועסטו מיר געהערן,
אַ געפאַנגענע אין שיין
פון מיינע אויסגעטרוימטע שטערן.

ווי זיי — אויך דו אַ חלום נאָר,
איינגעפּאַסט אין דעמער־ליכט —
די וואָרע וואָר
פון מיין געדיכט.

ליבע הייסט — זיין פריי

פייגל ליבן זיך נישט אין קיין שטייגן,
אפילו שטומע צווייגן
זענען בלויז נאָר מיט איין זייט
באַהאָפטן צו דעם בוים,
די צווייטע קושט זיך מיטן רוים
פאַרשכורט פון דער בלאָער ווייט.
ווייל ליבע הייסט — זיין פריי,
און צוימען זי געטריי
איז דאָס בלויזע רעכט
פון קנעכט.

ווען די זון אַ מידע

אַזוי פיל אויסגעפּרוווטע יאָרן,
און כ׳בין קיין לייט נאָך נישט געוואָרן —
די חלומות פון מיין יוגנט נישט געענדערט,
נישט געפונען פאַר מיין בענקעניש קיין תיקון,
און עס לאָקערן נאָך אַלץ מיך ווייטע לענדער
און יעדער פרויען־שמייכל מיך פאַרשיכורט.

אַזוי ווי אין דער יוגנט,
איז קיין זאַך מיר נישט גענוגנד —
עס רייסט דאָס האַרץ זיך צו די ווייטן,
דאָס בלוט איז היים צעפיבערט
און פונקט ווי אין די אַלטע צייטן,
כ׳בין שטענדיק גרייט זיך צו פאַרליבן.

נאָר ווען די זון אַ מידע
צו איר אָפּרו נידערט
און אין פאַרק אַנטקעגן
שטעלן יונגען זיך אויף לויער,
ווערן שטומע אַלע וועגן
און די הימלען — בעכערס טרויער.

איך זע

איך זע ווי ס׳טראָגט די צייט
אין אירע פּאָלעם שוין
אַ האַרבסטיק-קילע שייך
און פלאָנטערט זי אַריין
אין דיין גילדנער קרוין.
איך זע דיין בליק —
דעם קוואַל פון מיינע טרויערן און גליק —
ווי ס׳לעשן זיך אין אים די פאַרבן פון דער זון
און מיט אָוונטיקן נעפּל עס פאַרגייט
זיין יונגע פרייד — — — —

וואָס-זשע זאָל איך טון?
עס פליסט די צייט ווי לופט
אַריבער דיר,
אַריבער מיר,
און כ׳קען זי נישט פאַרהאַלטן מיט מיין גוף
און מיט קיין טרוימען
נישט פאַרצוימען.

נאָר ס׳האָט די צייט
קיין אָנהייב און קיין ענד,
ווי שטח וואָס אין אין-סוף רוט,
און ס׳קען איין רגע זיין אַן אייביקייט,
און יאָרן טויזנטער בלויז איין מינוט,

ווייל אַלץ אין אונדז אַליין זיך ווענדט,
און האַרבסטיק־קלאָרע שיין
קען אויך ווי אַלטער ווײַן
פאַרמאָגן אַלע טעמים מיטאַמאָל —
ווי פון פרילינגבלי,
פרייד פון זומערגלי,
מילדע רו פון גרינעם טאָל
און געפאַר פון באַרגיק־שטראָמע ווענט —
ווייל אַלץ אין אונדז אַליין זיך ווענדט.



אַלץ וואָס איז מיט אונדז געשען דאָ

אַלץ וואָס איז מיט אונדז געשען דאָ,
איז שוין לאַנג פאַריבער.
איצטער בלאָנדזשע איך אַליין דאָ
איבער פוסטע שטיבער

און אין האַרבסטיק-נאַקעטע אַלייען
קלאָגן ווינטן אוים מיין טרויער —
ס'האָט דער שטורעם אונדז געטראָפן דאָ אינצווייען,
ס'האָט די זומער-נאַכט אויף אונדז געלויערט,

און מיט בליצן אונדז צעצונדן דאָ די שעה'ן,
די הערצער אויפגעהאָנגען אויף די שטערן,
ביז די הימלען האָבן אָנגעהויבן בלאָען,
ביז די ערד האָט זיך אַליין צעלויכטן אין אַ שטערן.

איצטער וואַשן טריבע טרערן מיינע שויבן,
מיינע טירן רייסן ווינטן בייזע,
און עס וויל דאָס האַרץ שוין גאָרנישט גלויבן,
אַז דאָס אַלץ איז אויף דער וואָר אַמאָל געוועזן.

אין קעניגרייך פון טרוים

מיט שטילער בענקנדיקער גלוסט
כ׳האָב דיך אָנגענומען פאַר דער האַנט
און אַוועקגעפירט אין אַ באַרגיק לאַנד —
און דו האָסט גאָרנישט נישט געוווּסט.

צווישן וואָלקנס אין דעם רוים
כ׳האָב ווי אַ שפּרוך אַרויסגעזאָגט דיין נאָמען —
זע, אָט זענען מיר געקומען
אין דעם קעניגרייך פון טרוים.

דאָ זענען שטורעמס מיינע וויגן
און בליצן מיינע ברידער
און פייגל מיינע לידער —
נאָר דו האָסט אַ פאַרבאָרגענע געשוויגן.

דעמלט האָב איך צאַרט אַרויסגערופן דיין געזיכט
און געזאָגט: זעסט די בערג צופוסנס פון דער נאַכט,
די טאָלן אין דעם אָוונטיקן ליכט —
כ׳האָב בלויז פאַר דיר זיי אויסגעטראַכט.

באַפעל — און אַלץ פאַרשווינדט
און נאָר מיט דיר אַליין איך גיי אַוועק
צום סאַמע לעצטן ברעג,
ווו ס׳וויגט מיין האַרץ זיך אויפן ווינט.

אַזוי האָב איך גערעדט צו זיך אַליין —
און אַלע שאָטנס זענען זיך צונויפגעלאָפן הערן,
אויף אַלע בערג האָבן זיך אראָפּגעלאָזט די שטערן,
בלויז דו ביסט דעמלט נישט געווען.

אין נײַעם הויז



באפרייונג פון ווארשע

עס האָט ווי אַ פלאַם זיך די שטים פונעם ספיקער
דורך מאָסקווע געטראָגן,
מיט ליכטיקע ווערטער געצונדן
די גאַסן און ראָגן:

ווארשע באפרייט איז!
ווארשע איז פריי! —
און גלייך האָט דער מאָסקווער יאַנוואַר
זיך פאַרוואַנדלט אין מאַי —

עס האָבן די ביימער צעבליט זיך,
דער הימל געוואָרן איז העכער און קלאָרער
און ס׳האָבן זיך הערצער ווי קנאָספּן צעעפנט
פאַר אַלע פאַרוואָגלטע יאָרן.

אויף גאָרקי האָט פלוצעם די ווייסל צערוישט זיך,
פאַרשמעקט האָט מיט ריחות פון פּוילישע לאָנקעס —
און ענג איז געוואָרן אין שטיבן צו זיצן
און שווער אויף די גאַסן צו בלאָנקען.

עס האָבן די ווייטן געלאָקט און געשראָקן —
וואַרשע איז פריי שוין, דער שונא פאַרשניטן,
נאָר וואָס איז פון וואַרשע דער פרייהייט געבליבן
און ווער האָט פון שונא דעם טויט דאָרט געמיטן?

צי וועט מען אַ זכר פון היימען געפינען
נאָך אונטער די חורבות און אַשן? —
און טרערן פון פרייד און פון ווייטיק
עס האָבן די שטיינער פון מאָסקווע געוואַשן.

נאָר איבער די דעכער און העכער, נאָך העכער
עס האָבן געפלאַטערט די הערצער ווי פענער —
אָט זענען מיר דאָ אויף צו־להכעיס די מערדער,
און זיין וועט אויך וואַרשע נאָך גרעסער און שענער.

אין נייעם הויז

איצט שפּראָצט די זון אויף,
ווי אַ פייערדיקע כריזאַנטעמע,
אויף מיין פענצטער
און כ'זע ווי ס'ווערט דער טאָג געבוירן
פון דעם נעפּלדיקן אין־סוף
און קליידט אין גינגאָלד אָן די מויערן
אין מיין שטאָט —
פון אַלע שטעט דער שענסטער.

מיט זון און שוים
און זילבערדיקן ווייסל־גאַרטל
לייכט פאַרוואָרפן אויף די לענדן
ליגט פאַר מיר די ערד אַנטבלויזט
אין מידן זיסן דרימל
נאָך די נאַכטיקע באַגערן,
ווען ס'האָט באַשאָנקען זי דער הימל
מיט מיליאָנען דימענטענע שטערן
און אין טונקלקייט געהיימער
ביי דעם ראַנד פון רוים
צאַרט געקושט דעם זוים
פון אירע צעפּ צעגרינטע.

אין די קרוינען פון דיביימער
שלאָפן נאָך די ווינטן,
אין שטוינענדיקן שווייגן
פון דעם נס פון טאָגן
גליווערן די צווייגן,
די גאַסן — אויפגערוימטע, קילע —
וואַרטן נייגעריקע אויף די ראָגן,
נאָר צו אויפגעהעלטע הויכן,
ווי שורות פון אַ מאָרגנדיקער תפילה,
ציען זיך שוין גלייכע פיאָלעטע רויכן
און מיט רו און פרידן בענטשן
דעם יונגן טאָג אויף אונדזער ערד,
דעם נייעם גאַנג, וואָס איז אים דאָ באַשערט,
און די פרייע מי פון מענטשן.



ביידע וואַרשעס

יענע וואַרשע,
וואָס איז אויסגעגאַן אין פּיינען
וואָס איז אויפגעגאַן אין פלאַמען,
און די צווייטע, נייע,
פול מיט יונגע שיינען,
וואָס פון יענער האָט געירשנט
בלויז די איכה-לידער,
בלויז די חורבות שוואַרצע
און פון אונטער אַשן ווידער
ווי דער פרילינג אויפגעטאַיעט —
ביידע וואַרשעס איצט צוזאַמען
וווינען אין מיין האַרצן.

און אויף פלעצער אויסגעצירט אין בלומען,
און אויף ברייטע גלייכע גאַסן
כ'זע די שמאָלע געסלעך קרומע,
די געזיכטער שטרענגע, בלאַסע,
וואָס מיט אויגן פול מיט מאָנונג,
וואָס מיט פויסטן פול מיט דראָונג
הענגען רויטע פאָנען
אויף פאַרנאַכטן בלאָע.

און דורך ראָגן פול מיט לויער
טראָגן בונט געפּאָרט מיט גלויבן
אויף צעפראַלן אַלע טויערס,
אויף צעצינדן אַלע שויבן,
אויף צו גרייכן ביז די שטערן

זייער חלום צו דערפילן —
עס זאָל העל און ליכטיק ווערן
אויך אויף סמאָטשע און אויף מילע,
עס זאָל פריי און פריידיק ווערן
אויך אויף מוראַנאָוו און דזשיקע —
גרייט די לעבנס צו פאַרצערן
אין די תּפיסות, אויף פאַרשיקונג.

*　　　*
*

ס'האָט די נאַכט פון מעסער
אַלע זיי דערטרונקען,
ס'האָט דער בראַנד פון גיהנום
אַלע זיי פאַרשלונגען,
דאָך געבליבן זענען פונקען
פון די דרייסטע יונגען —
זייער חלום איז פאַרבליבן,
אַז אין בוך פון זיג און גדולה,
זאָל מיט אותיות גאָלדענע פאַרשריבן
זיין אויך סמאָטשע און אויך מילע —
זייער טרוים פון יענער וואַרשע,
וואָס איז אויסגעגאַן אין פּיינען,
וואָס איז אויפגעגאַן אין פלאַמען
פאַר דער צווייטער, נייער,
פול מיט יונגע שיינען,
וואָס פון יענער האָט גערשנט
נישט בלויז איכה-לידער,
נישט בלויז חורבות שוואַרצע,
נאָר אויך דראַנג און שטורעם,
נאָר אויך מוט און גבורה
פון די אַשן ווידער
ווי דער פרילינג אויפצוטאַיען. —

ביידע וואַרשעס איצט צוזאַמען
ווינען אין מיין האַרצן.

וואָס דאַרף איך דען

וואָס דאַרף איך דען,
עס זאָל די ליבשאַפט
אַ שלאָג טאָן אין מיין האַרצן
ווי אַ קוואַל? —

אַ וואָרט אַ גוטס,
וואָס צעשפּאַלטן קען —
ווי אַ בליץ
די פינצטערניש פון נאַכט —
די וואָלקנס שוואַרצע
פון ביטערניש און גאַל,
וואָס שלעכטע מענטשן האָבן אויסגעטראַכט
און צעהאָנגען מיט אַ בייזער האַנט
צווישן לאַנד און לאַנד.

וואָס דאַרף איך דען,
עס זאָל די פרייד שוין פון באַגין
אינאיינעם מיטן מאָרגנליכט
אָנקלאַפּן אין מיין טיר? —

אַ מילד געזיכט
אויף מיין פריאיקן שפּאַציר
מיט אַ שמייכל פון פאַרגין,
אַ קינד וואָס לויפט אין שול אַריין
מיט אייגעלעך פול שיין,
אַ צווייגל צווייט
ביי נייע בלאַנקנדיקע ווענט
און אַ ליבן פרויען-בליק צו מיר געווענדט
פאַר דער ערשטער שורה פון מיין ליד.

באַלאַדע וועגן לענינען

ווען זיי זענען ס׳ערשטע מאָל אין שטעטעלע געקומען
אין דער האַרבסטיק קילער נאַכט,
האָבן זיי מיט זיך די רויטע פאָן געבראַכט
און זיין שטאָלצן קלינגענדיקן נאָמען.

נישט אויף טראַנספּאַרענטן בלויע
מיט אותיות גאָלדענע געשטיקטע,
נאָר מיט ווערטער פּראָסטע אומגעשיקטע
אויף שאָרסטקע פּאַק־פּאַפּירן גרויע.

נישט אין נעפּל פון פאַרדאַכטן
און נישט אין לויב־געזאַנגען שטאַרע,
נאָר אין הערצער אויסגעפּרוווטע אין געפאַרן,
נאָר אויף פּנימער פאַרבראָנזעטע אין שלאַכטן.

און אויפגעליכטיקט האָט דער נאָמען ווי אַ בשורה,
ווי אַ רוף אַ פרייער,
פול מיט אומרו פון באַנייונג,
פול מיט האָפענונג און גבורה.

און ס׳האָבן זיך אין צווייט פאַרקליידט
די ביימער אין דעם האַרבסטיקן באַגינען,
און די גראָזן האָבן ווידער אָנגעהויבן גרינען
אויף דעם אַלטן מאַרק מיט יונגער פרייד.

דאָס אַלץ געשען איז אין יענער נאַכט,
ווען זיי זענען ס׳ערשטע מאָל אין שטעטעלע געקומען,
און די רויטע פאָן מיט זיך געבראַכט
און זיין שטאָלצן קלינגענדיקן נאָמען.

דאָס קליינע יינגל פון וואָלין

אין דער אויפגעפראַלטער טיר
פון לויטערן באַגין
מיט אויגן פול פון חידוש
געשטאַנען איז אַ יונג אַ בלאָנדער פון סיביר
און פון וואָלין
אַ בחורל אַ יידיש.

אַרומגענומען איינער מיטן צווייטן
ווי ברידער פון איין טאַטע־מאַמע
האָבן זיי ווי כוואַטסקע יונגען
ס'גאַנצע שטעטל
דורכמאַרשירט צוזאַמען
און דעם אינטערנאַציאָנאַל געזונגען.

און מיטגעזונגען האָט מיט זיי
די וואָלינער ערד
די שטיבעלעך האָרבאַטע פונעם שטעטל
און די זעלנער פון דער רויטער אַרמיי
און די טאַטעס מיט די גראָע בערד
און די מאַמעס מיט די פרומע שייטלען.

אוןביידע האָבן דעמלט עס פאַרשטאַנען —
דאָס קליינע יינגל פון וואָלין
און דער בחור פון די ווייטע שנייען —
אַז נאָר דער גאַנג צוזאַמען
איז דער גרויסער זין
פון אַלץ וואָס איז געשען.

צו מיין שוואַרצן ברודער

כ׳שעם זיך פאַר דער ווייסער הויט
פון מיין געבאָרן,
וואָס איז געוואָרן
דער קוואַל פון דיינע פּיינען,
כ׳שעם זיך פאַר דער זון
וואָס צערטלט אַלע פאַרבן גלייך,
כ׳שעם זיך פאַרן טייך,
וואָס טראָגט אין זיך באַנאַנד
דעם בלאָען הימל
און די שוואַרצע ערד
און פאַר דיין שיינעם לאַנד,
וואָס איז דעם נאָך באַשערט
צו האָבן ווייסע הערן
מיט קין־צייכנס אויף די שטערנס.

כ׳ווייס:
עס איז פאַר דיר קיין טרייסט,
וואָס אויך מיין ווייסע הויט
האָט דעם זעלבן גורל נישט געמיטן,
וואָס אויך מיין שיינע ערד,
אַליין פון פיינט געשענדט,
האָט פון מערדער־האַנט
מיך נישט פאַרהיטן.

דאָך איז ווייסן גוט,
אז סיי די פארב
און סיי דאָס בלוט
זענען בלויז אן אויסרייד
פאר צעשייד.
דאָס פארברעכן גופא
איז בארופן
צו פארבינדן
נאַכט מיט טאָכט
פאר אַלע בלינדע —
ווייס און שווארץ —
כדי דאָס הארץ
און דאָס געוויסן
זאָלן בלייבן טויט
אונטער יעדער הויט.

דאָס איז גוט צו ווייסן,
כדי צו אונטערשיידן
און פארגעדענקען
אויף אלע ברייטן,
אלע לענגן,
אלע הייכן
יענע ווייסע הערן,
וועלכע טראָגן קין־צייכנס
אויף די שטערנס.

אָקטאָבער

צי קאָנען ווינטן קאַלטע
דעם טראָט פון פרילינגען פארהאַלטן?
צי קאָן א לקוי־חמה די זון אָפּשטעלן? —
אָקטאָבער איז דער אָנהייב פון א גאַנג א העלן
איבער שטעט און איבער לענדער
און ס׳קאָן קיין שאָטן נישט זיין שיין פארענדערן,
און ס׳קאָן קיין שטרויכלונג נישט זיין מאַרש פארצאַמען.
ווי א שיף איבער נעפּלדיקע ימען,
ער שווימט א יעדן שטורעמווינט אנטקעגן
און צו אַלע ווייטע ברעגן
ער שיקט אריבער ליכט־סיגנאַלן,
עס זאָלן וויסן אַלע, אַלע —
אז דורך שווערן בלוטיקן געראַנגל,
דורך שוואַכקייט צייטנווייז געפאַנגען,
דורך פעלערן און גרייזן —
נאָר ס׳וועלן מענטשן פריי זיין
ס׳וועלן פעלקער פריי זיין.

אונדזער העלער שטראָם

אונדזער העלער שטראָם
האָט זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ שוואַרצן שטיין
ביי אַ לויערנדיקן תּהום
און צעשלאָגן זיך אליין
אויף מיליאָנען טראָפּנדלעך געוויין —
איז לאָמיר זיך דערמאָנען,
ווי ס'האָבן זיך אַמאָל אין אים געשפּיגלט
אונדזערע פרימאָרגנדיקע זונען,
ווי אויף זיינע כוואַליעס —
אונדזער גאָלדן ווינגל —
זיינען אַלע טריבע טעג
פֿון אונדזער טונקעלן פונדאַנען
אויף שיפעלעך מיט רויטע פאָנען
אָפּגעשווומען צו אַ ווייטן ברעג? —

לאָמיר זיך אין דעם דערמאָנען
אין צוזאַמען
פאַר די שוואַרצע שטיינער
אונדזער שטראָם פאַרצאַמען —
ער זאָל ווייטער פליסן איינער
אין די גרינע טאָלן
אַ ליכטיקער און ריינער,
ווי אין אונדזערע אַמאָלן.

אין טעג פון גנאָד

פאַראַנען טעג פון גרויסער גנאָד,
ווען פול מיט ליבשאַפט און מיט לויב
עס איז מיין האַרץ צו יעדן מענטש
און כ׳גלויב
זיין טראָט
וועט זיין געבענטשט
און וואָס ער טוט
וועט שאַפן גוטס,
עס זאָל קיין שנאה אויף דער ערד
שוין מער נישט זיין
און וואָס באַשערט —
מאַנגל צי געַנוס,
פרייד צי פּיין —
וועט נישט וועקן קיין פאַרדרוס,
וועט נישט פירן אויף דעם וועג
פון געוואַלד־טאַט און פאַרבאָט —
פאַראַן אַזעלכע טעג
פון גרויסער גנאָד.

און דעמלט ווערן אַלע וועגן גלייך,
און אַלעביימער ווערן יונג,
און לויטער ווערט אַ יעדער טייך,
און אַלע ווינטן פול מיט שווונג,
און יעדער שאָטן מילד און ווייך,
און פול מיט זון אַ יעדער טאָל,
און פול מיט ליכט אַ יעדע הייך —

פון היינט און מאָרגן און אַמאָל.
און ס'דוכט זיך אוים:
די וועלט איז שיין,
דער מענטש איז גרויס
און נישט אַליין
אין שווערן וועג,
נישט צווישן פיינט
און נישט אויף אייגענעם באַראָט,
נאָר צווישן נאָענטע און פריינד —
פאַראַן אַזעלכע טעג
פון גרויסער גנאָד.



וואָס מיט טרערן עס ווערט פאַרזייט

זעט:
פון בייזן שטורעמווינט
עס זענען זיך די בלעטער פונעם וואַלד
ווי פייגל נישט צעפלויגן.
זיכערער ווי ביז אַצינד
די שווערע צווייגן
צו דער ערד זיך בויגן
און די גרינע קרוינען צו די הייכן שטייגן.

און איר האָט שוין געמיינט:
אָט באַלד —
און ס׳וועט דער וואַלד
אַ הוילער בלייבן שטיין
און אַלע זיינע וויאַנענדיקע בלעטער,
ווי שטאַרבנדיקע שטערן,
וועט דאָס בייזע וועטער
אין אייער זייט פאַרקערן.

טאָ ווייסט?
וואָס מיט טרערן ס׳ווערט פאַרזייט,
וואָס מיט מי עס ווערט פאַראַקערט,
גייט ווידער אויף מיט פרייד,
מיט גרין געזאַנג צעפלאַקערט.
און יעדער שטורעם
זיין געשטאַלט בלויז פורעמט,
און יעדער וויכער
בלויז זיין וווקס פאַרגיכערט.

הימן צו דער יוגנט

פון יונגן בלוט,
ווי פון וויין,
באַרוישט און פאַרבלענדט,
און דורשטיק נאָך שיין —
אויף זון זי פאַרמעסט זיך
מיט נאַקעטע הענט.
שכור פון מוט
און פון פרייד
מיט הילכיק געזאַנג
אַנטקעגן די שטורעמס זי גייט
און רייסט מיט אין גאַנג
די אַלע וואָס דרימלען
אין מיט פונעם וועג,
און די ערד מיט די הימלען
פאַרבינדט
און צעצינדט
מיט זוניקע טעג,
ווי מיט גאָלדענע רינגען,
און מיט הייסע צעוויכערטע טריט —
כ'וואָלט ווי די זון זי באַזונגען,
נאָר זי אַליין איז אַ ליד.

פּאַר יונגען צוואַנציקיעריקע

פּאַר יונגען צוואַנציקיעריקע
דעם היינט בלויז אָנגעהעריקע,
וואָס האָפּערדיק צעכראַסטעטע
איבער שליאַכן שפּאַנען,
כ׳האָב דאָס שפּאַסיק ליד פאַרפּאַסט,
זיי זאָלן עס מיט שטימען יונגע
האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס
אין די אָוונטן פאַרבענקטע זינגען
דורך דער גאַנצער ברייט פון גאַס.

היי,
ווינטן אַלערליי
איבער לענדער יאָגן,
נאָר אונדז יונגען
איז געלונגען
אַלע זיי דעריאָגן
און צוזאַמען
איבער ימען
גרייכן ביז דעם ברעג,
וווּ די כוואַליעס זענען בלאָ
און די שיינע מלכה שבא
באָדט זיך גאַנצע טעג.

היי,
פייגל אַלערליי
אין דער הייך זיך טראָגן,

נאָר אונדז יונגען
איז געלונגען
אַלע זיי דעריאָגן
און נאָך העכער
און נאָך שנעלער,
איבער אַלע העכסטע דעכער,
עס זאָל קיינער נישט פאַרשטעלן
מער די וועגן צו די שטערן,
וועלכע אונדז געהערן,

היי,
ווערטער אַלערליי
שוואַרצע כמאַרעס טראָגן,
נאָר אונדז יונגען
איז געלונגען
אַלע זיי דעריאָגן
און שוין גאָרנישט אויף קאַטאַוועס
אַ מלחמה זיי דערקלערן — —
זייער הימלישן זכות־אבות
אויף דער ערד פארווערן
און ביי זייער טונקלער מאכט
שטעלן יונגען אויף דער וואַך.

עס ווייסט מײַן האַרץ נישט פֿון קיין רו

עס ווייסט מײַן האַרץ נישט פֿון קיין רו
און ס׳גייט קיין זאַך דעם נישט פֿאַרביי — — —
מיט יעדער שעה
ס׳הייבט אָן פֿונסניי,
פֿון ערשטן שפּאַן,
פֿון זיך אַליין.

אויף דעם סודותדיקן וועג
צווישן ווערן און פֿאַרגיין
איז נישט פֿאַראַן
קיין אָנהייב און קיין סוף,
קיין פֿריער און קיין שפּעטער — — —
ווי ביימער וואַקסן יאָרן אַלץ אַרויף
און די שווינדלדיקע טעג
זיך טוישן ווי די בלעטער.

ווײַל ס׳לאָזן הערצער זיך נישט טיילן
אויף אַלט און יונג — —
אין הייסן ריטעם אַלע צײַטן זיך דערציילן
און פֿײַער גליט אין יעדן פֿונק.

עס זענען די הערצער געבליבן נאָך יונגע

מיר טראָגן נאָך אַלץ דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען —
פון פעלקער און לענדער באַפרייטע,
דעם חלום דעם שיינעם, וואָס האָט אונדז געפאַנגען —
פון גרויסע און ליכטיקע צייטן.

די יאָרן די יונגע געצונדן ווי שפּענער,
עס זאָלן די ווינטן נישט לעשן דאָס פייער,
עס זאָלן אויף גאַסן צעפלאַטערטע פענער
די בשורה אָנזאָגן פון גרויסער באַנייונג.

איז קאָנען מיר איצט נאָך באַרוטע נישט דרימלען,
ווי זקנים אויף זונשיין פאַרזונקען אין שווייגן —
עס איז נאָך קיין רו נישט פאַראַן אין די הימלען,
עס זיצן נאָך שטורעמס פאַרטאַיעט אויף צווייגן.

געזעטיקט מיט ליידן, מיט קאַמף און פאַרלאַנגען —
עס זענען די הערצער געבליבן נאָך יונגע,
אַזוי ווי דער חלום, וואָס האָט אונדז געפאַנגען,
אַזוי ווי דאָס ליד, וואָס מיר האָבן געזונגען.

אַ גאַנצן טאָג

אַ גאַנצן טאָג האָבן היינט די בערג געברענט,
מיט קנוילן רויך זיך צאָרנדיק געשטיקט,
און ס׳האָבן זיי די הימלען לעשן נישט געקענט.

אַ גאַנצן טאָג האָבן היינט די ביימער זיך געווייגט,
פון צער געריסן זיך די גרינע צעפּ,
און ס׳האָבן זיי קיין טרייסט די הימלען נישט געשיקט.

מיט צעפּאַטלטע משונהדיקע קעפּ
האָבן וואָלקנס ערגעץ־ווו געיאָגט,
ווי שוואַרצע שטיקער קרעפּ.

און איבער דעכער האָבן ווינטן לאַנג געקלאָגט,
ווי היענעס זיך פאַרגאַנגען אין געוויין,
צוקאָפּנס פונעם גוססדיקן טאָג.

נאָר אומגעריכט
האָט אַ שטערן צווישן וואָלקנס זיך צעפינקלט,
ווי אַ קוואַלעכל פון ליכט —
און גלייך האָבן זיך אין אָוונט־טונקל
פייערלעך פון טרייסט אויף אַלע שפּיצן בערג צעצונדן,
און שטילע בענקנדיקע לידער
פון די גלויביקע אַמאָלן,
פון די גילדענע פאַרטאָגן,
וועלכע זענען אין דער בייזער שעה פאַרשוונדן,
האָבן ווידער,
ווי אַ גוטע בשורה פון די נעפּלדיקע טאָלן,
איבער אַלע ווייטן זיך צעטראָגן.

זאָל ווער עס וויל

זאָל ווער עס וויל
מיט געהיימע צייכנס
שטורעמען די הייכן,
איך בלויז וויל
מיט פּראָסטע רייד
צו הערצער גרייכן.

זאָל ווער עס וויל
אין יעדן אמת
זען נאָך אַ צווייטן,
פאַר מיר איז יעדער אמת
איינציק,
ווי ער זאָל נישט ווי טאָן.
און די, וואָס ווילן נעבעך צרות מיידן
און אין פרעמדע הויטן זיך פארקליידן —
כ׳וויל זיי פריינדלעך זאָגן,
אַז פאַרלירן וועלן זיי בייביידן,
נאָר פון יעדן —
דאָפּלט זיין געשלאָגן.

מיר זענען יונג

מיין פריינד,
נישט מעסט אין וויאָרסטן אוים דעם וועג
און די צייט —
אין נעכטנס און אין היינטס,
אין יאָרן און אין טעג.
צי איז אין אין־סוף דען פאראן
אן אָנהייב און אן ענד?
און אין דער אייביקייט —
א שפעטער און א פריער?
מיר
זענען
יונג,
כל־זמן דאָס הארץ נאָך זינגט,
כל־זמן נאָך אונדזער שפאַן
געפינט זיך אין דער ריי,
כל־זמן נאָך אונדזער בליק
איז פון זון פארבלענדט
און אונדזער וואָרט פונסניי
פולסירט מיט ווייטיק און מיט גליק.
אזוי איז שוין באשערט:
אויף דער שיינער ערד
דער פראָסטער און געהיימער
מיר זענען דאָ
צו לעבן מיט אלע דורות מיט
און פון דאָס ניי
געבוירן ווערן יעדע שעה,
ווי ביימער
אין פרילינגדיקן צוויט.

דאָס וואָרט

כ'לייג צו דאָס האַרץ
צו יעדן וואָרט
און הער זיך איין,
צי רוישט אין דעם
מיין אייגן בלוט,
צי בלויז אין פרעמדער שיין
עס רוט,
צי קומט עס מיט דעם אומרו
פון דער נאַכט,
צי גאָר דער ווינט האָט עס
פון טומל־טאָג געבראַכט,
צי טראָגט עס פּיין אין זיך,
צי פרייד,
צי גאָר דעם עכאָ
וואָס אין פּוסטקייט
זיי באַגלייט —
אין יעדן וואָרט
איך הער זיך איין
און בלויז נאָר דאָס,
וואָס גליט
מיט איינגנשיין,
מיין האַרץ פאַרהיט.

גלויבן

יעדע רגע ווערט געבוירן אַ נייער שטערן —
ס'וועט אויך דער, וואָס כ'האָב פאַרלוירן,
צוריק נאָך קערן.

יעדעס האַרץ פאַרהיט אַ פונק פון גלויבן —
ער וועט פונסניי צעצינדן
מיינע שויבן

און די לעצטע שאָטנס פון דער נאַכט צעיאָגן —
עס זאָל אין אַלע פענצטער
טאָגן.

קרומע וועגן פירן צו די הייכן —
דער וואָס זעט זיי אין דער נידער,
וועט זיי גרייכן.

בדרך משל

דער דיכטער און די באַן

שכורלעך פון טרויער און פון פרייד,
געגאַנגען איז אַ דיכטער אין דער גאַנצער ברייט
פון די פרילינגדיקע וועגן
מיט אַ זון־צעזונגען ליד,
און עס האָבן זיך געוואַקלט זיינע טריט
דאָ אויף לינק און דאָ אויף רעכטס —
מיט די שטורעמס אין געפעכטס
און מיט זיך אַליין.

איז אַ באַן געקומען אים אַנטקעגן
און מיט רוגזה אויסגערופן:
שטיין —
צו אַלדי רוחות!
ביסט שיכור, צי פאַרשלאָפן,
זעסט נישט ווי אין וויכטיקער שליחות
כ׳לויף אין גלייכער ליניע צו אַ ציל?

כ׳זע — האָט דער דיכטער אָפּגעענטפערט שטיל —
אַז דו גייסט ווי אויף אַ סטרונע
גלייך פאָרויס,
און איך רק מיט זיגזאַגן קרומע
הין און הער,
נאָר דו ביסט דער,
וואָס אויף דעם וועג פון ווערן און פאַרגיין
לויפסט פאַרבייאיק בלויז,
און איך — איך בין דער וועג אַליין.

דער העלד און זיין אָרדן

פון קנאה צו זיין העלד
האָט אַמאָל אַן אָרדן זיך אַזוי צעטענהט:
כ׳קען דאָס מערער נישט אין האַרץ פאַרטייען,
אַז נישט דיר און נישט די מעשים דיינע
גיט כבוד אָפּ די וועלט.

והא-ראיה,
פרווו זיך מיט מיר שיידן,
און גלייך איז מיט דיר אוים —
קיינער וועט דיר מער נישט זען,
קיינער וועט פון דיר נישט ריידן,
וועסט, מיין ליבער,
ווידער ווערן ווי געווען
אַ שטומע ציפער בלויז.
ווייל קודם-כל נאָר מיך מען זעט
און נאָר איך בין עס די סיבה
פון אַלץ, וואָס דיר געשעט.

— ריכטיק —
— האָט געזאָגט דער העלד —
דיין שכל איז אַ טיפער,
נאָר אויך דער נול מאַכט יעדן ציפער
צען מאָל מערער וויכטיק,
אויב ער ווערט נאָר אויף זיין אָרט געשטעלט.

אַ מעשׂהלע מיט ריטער

דאָס מעשׂהלע באַקאַנט איז גרויס און קליין,
ווי ס'האָט אַמאָל אַ טאַטע פֿאַרן שטאַרבן גיין
צונויפֿגערופֿן אַלע זיינע זין
און צו זיי אַזוי געזאָגט:
אַ ריטעלע באַזונדער איז שלאַבעריק און דין,
נאָר אַ בינטל ריטעלעך צוזאַמען
אַ גרויסע קראַפֿט אין זיך פֿאַרמאָגט,
ווי די סאַמע דיקסטע שטאַמען — — —
און גלייך נאָך דעם האָט דער טאַטע זיך געפּעלט

אַזוי־אָ ווערט דאָס מעשׂהלע דערציילט
שוין מכּמה יאָר
און פֿאַר יעדן מענטשן מיט פֿאַרשטאַנד
איז דער נמשל קלאָר.

דאָך נישט יעדן איז באַקאַנט,
אַז ס'האָבן אויך די זין
אַרויסגעזאָגט דאַן זייער מיין,
אַז דער משל דער
געהער
צו יענעם שיינעם משל־מין,
וואָס אַן און פֿאַר זיך איז ער שיין,
נאָר ער שטימט נישט מיט דער וואָר — — —
באַשר שטאַמען בלייבן טאַקע שטאַמען,
און אַ בינטל ריטעלעך צוזאַמען
זענען שוין אַפֿילו נישט קיין ריטער מער,
נאָר אַ בעזים גאָר.

צוויי באַאַמטע

ס׳האָבן צוויי באַאַמטע ביי א גלעזל קאַווע
זיך צעשמועסט וועגן זיך אליין.
האָט זיך אָנגערופן איינער:
כ׳האָב באשלאָסן נישט צו זיין טשעקאַווע
און נישט וועלן צופיל וויסן און פארשטיין.
וואָרעם ווער מ׳שטיינסגעזאָגט דען בין איך?
— קיינער.
וואָס מען הייסט מיך טו איך
און פארטראכט זיך נישט דעריבער,
צי ס׳איז גוט, צי שלעכט —
געהאָרכזאמקייט איז דער יסוד פון ציבור
און טראכטן האָבן בלויז די פירער רעכט.

— ס׳איז נישט ריכטיק —
האָט געזאָגט דער צווייטער —
פירער זענען טאַקע וויכטיק,
אָבער אונדזער שטענדיקער באגלייטער
און אונדזער קראפט
איז אלעמאָל דער פּאַראַגראַף.

שטימט עס נישט מיט אים — איז שלעכט,
דראָען אומעטום סכנות,
און בלויז נאָר אין זיין נאָמען
כ'נעם זיך אָפּט דאָס רעכט
אויסצוגלייכן דאָס וואָס קרום איז
שטרענג און אָן רחמנות.

האָט זיך סתם א בירגער צוגעהערט
צוביידנס רייד
און זיך אומעטיק פארקלערט:
אויב אזוי געשעט,
אז איינער דינט די פירער אָן א טאָלק,
א צווייטער נאָר דעם טויטן אות פארביסן,
איז ווער־זשע דינען וועט דעם פאָלק
און ווער דעם אייגענעם געוויסן?

צוויי שאָטנס

אַ שאָטנדל אַ דאָרם פון אַ ברעקל הינטל
האָט זיך טרעפנדיק אַמאָל
אין טאָל
מיט אַ גרויסן דיקן שאָטן פון אַ בוים —
אַריינגעזאָגט מיט חוזק אים אין אויער —
— ווער בין איך אַנטקעגן דיר? — אַ פינטל —
און אָפן שטייט פאַר מיר דער גאַנצער רוים.
כ׳גיי ארום מיר פריי, פארקוק אין יעדן טויער,
ווו נאָר אַ געזעמל — כ׳גיב אַ שמעק,
און דו ביסט שטענדיק צו דער ערד געשמידט.
און אפילו דעמלט, ווען אַ יעדער בוים צעבליט,
מיט בלעטער און מיט צווייגן זיך באַצירט,
פאַרבלייבסטו אַלץ ווי פריער —
אַ שוואַרצער טרויעריקער פלעק...

— ריכטיק —
האָט דער בוים אַליין דאָס וואָרט גענומען —
פאַראַן צווישן אייך אַן אונטערשיד,
וואָס איז באמת זייער וויכטיק —
מיינער איז אַזאַ, וואָס מיך פאַרהיט,
עס זאָל דער זאַפט פון מיין נשמה
פון הייסן ווינט נישט ווערן טרוקן —
ער איז אַ וועכטער
און אַ פרייזד,

וואָס היט אָפּ פאַרן הײנט
די קוואַלן פונעם נעכטן,
און דערבײַ אויך געבנדיק אַ תּיקון
אַלע די וואָס זוכן רו
און ווילן זי אין זיך אַלײן געפינען,
אין הײמישן און טיפן אײַנגנגרונט...
און דו —
אַ שאָטן פון אַ הונט,
וואָס קען נישט קײנעמען קײן רו פאַרגינען,
און ווײסט נאָר אויסצופירן עמעצנס געבאָטן
און איז אַלײן נישט מער ווי עמעצנס אַ שאָטן...

די שפּין און די מוראַשקע

געזעסן איז אַ שפּין
פון בלאָלעכן באַגין
אין איר שטראַלן-נעץ פאַרוועבט
און אויף איר שפּיניש-שטומען לשון
מיט פאַרדראָס צו זיך אַליין גערעדט
אַן אַלטע אויסגעוועפּטע דרשה:
שיינע יאָרן זיך דערלעבט,
ס'איז שוין דאַכט זיך היפּשלעך שפּעט,
און ביז אַצינד
האָט נאָך קיינער נישט געפּרוווט
פון די לאַפּיטוטן-פליגן
אויף דער פרייער לופט
לאָזן זיך פאַרוויגן
אין דער שיינער נעץ,
וואָס כ'האָב אַליין פאַר זיי געשפּינט.
פאַרוואַקסענע מיט פעטס
רק זיי שליאַיען זיך אַרום
פוסט-און-פּאַס
פון גאַס צו גאַס
מיט אַ נאַרישן געזשום
און מע ליובקעט זיך, מע פרעסט
און גאָר אײַנגאַנצן מע פאַרגעסט
אין פאַרצייטיש אײדעלן פאַרלאַנג
פון זיך אַליין
צו גיין
אין שפּינישן גן-עדן.

־ערצו נאָך ווייל מען אַלעמען איינריידן,
אַז דאָס איז אויסגעלייזט געזאַנג
און די וואָרע פרייהייט —
אַזאַ איז שוין פון פליגל־פאָלק די טרייהייט,
ווען מע ווייל אמאָל פון דעם געניסן.

— זאָל עס דיר, ווילקריכיקע, נישט פאַרדריסן —
האָט הערנדיק דעם גאַנצן מאָנאָלאָג,
א מוראַשקע צו דער שפּין געטאָן אַ זאָג,
שלעפנדיק אַ קערנדל צו זיך אין נעסט —
— אויך דו, אַזאַ וואַמפּיר אַן עלוי,
זעט אויס, פאַרגעסט
אין אַלטן קלוגן כלל,
אַז פאָדערן אָן אויפהער רק קרבנות,
ווען אפילו
עס ווערט געקרוינט אַלס אידעאַל —
ווי עס פירט זיך ס׳רוב —
איז עס אין דער אמת סוף־כל־סוף,
בלויז פּשוטע גזלנות.

ס׳איז אַ מעשה זיך פאַרלאָפן

ס׳איז א מעשה זיך פארלאָפן
אין א צייט פון ווינט און שטורעם
אין א שטאָט פון בלויזע שטומע.
פרי־פרימאָרגן,
ווען עס זענען אלע נאָך געשלאָפן
אין די הייזער טיף פארבאָרגן,
ווי די טויטע אין די קברים —
פון די שרעקן און געוויטער מידע,
איז א יונגער זינגער פון די בערג געקומען
און מיט דרייסטע לידער
זיך צעהילכט אויף אלע גאַסן,
אויף אלע פלעצער, אין אלע סקווערן,
ביז די גוססדיקע שטערן,
ווי צאנקנדיקע ווונדן,
האָבן זיך פארלאָשן אין די הימלען בלאַסע
און א זון א נייע האָט אין מזרח זיך צעצונדן
און א יעדערן באזונדער
מיט פיילן גליאיקע באשאָטן.

וואָס־זשע איז דער וווּנדער,
אַז די בייזע פון די שטומע צינגער
האָבן אונדזער זינגער
זינגען גלייך פאַרבאָטן?

נאָר אינצווישן איז געשען:
ליד מיט ווינט אינצווייען
האָבן זיך באַהעפט צוזאַמען
און געלאָזט זיך איבער בערג און ימען
אין אַ שטאָט אַן אַנדערער,
ווי וואַנדערער
אָן אַ היים און אָן אַ נאָמען,
און אויף די דרימלענדיקע דעכער,
אויף די שימלדיקע ווענט
איז געבליבן בלויז זייער ציטערדיקער עכאָ.

ערשט דעמלט האָבן פּלוצעם אַלע שטומע
זייער אייגן קול אין זינגערס ליד דערקענט.

דאָס וואַסערל און דער טייך

עס האָט אמאָל
אַ וואַסערל אַ שטייענדיקס
געפונען זיך בשכנות
מיט אַ בארגיק־שטראָמענדיקן טייך,
וואָס האָט געשטורעמט גייענדיק
פון אַ שנייאיק־ווייסער הייך
איבער פעלזן־שטאָקן
צו אַ גרינעם טאָל.
פארוואונדערט און דערשראָקן
האָט דאָס וואַסערל געזען,
ווי אָן אויפהער זיינע כוואַליעס
אין טיפע תהומען
פאלן
און דער שטראָם אליין
אויסגעצירט אין זילבערדיקע שוימען
נעמט זיך גאָרנישט איבער,
וואָס זיין גאנץ פארמעגן גייט פארפאלן
ערגעץ־ווו אין טונקלע גריבער,
ווי נישט אים דאָס וואָלט באַרירט.

— זע, נאָר זע,
ווי דאָס פארשווענדעריש זיך פירט —
האָט דאָס וואַסערל געמורמלט אין דער שטיל —
עס איז פונלאנג שוין אלעמען באוווסט דאָך,
אז אפילו וואַסער, ווען עס וואַסערט זיך צו פיל,
ווערט עס וואַסערדיקער נאָך...

אָט נעמט, למשל, מיך —
ווער בין איך
אנטקעגן אזא מין טייך?
דאָך פיל איך פאר מיין פליכט
אלע שפּארעס צו פארשטאָפּן,
כדי מיט גאָלד צוגלייך
פארהיטן יעדן טראָפּן
און זיין געדיכט,
פארמאָגן אן אייגענעם קאָליר.

— נעבעכדיקער ברויז —
האָט דער טייך אויף קולי-קולות זיך צעלאַכט -
אומזיסט דיין מי אַ יעדן טראָפּן צו פּאַרהיטן,
דו לעבסט דאָך בלויז
אַדאַנק די שאָטנס פון דער נאַכט,
וואָס די זון האָט דיך ביז איצט געמיטן.
אין דער ליכטיק
איז דיין שוואַרצע הויט
קיין שום קאָליר,
נאָר פּראָסט און פּשוט קויט.
זעסט, וואָס שייך מיר,
איז טאַקע ריכטיק,
אַז מיינע וואַסערן אין די טאָלן פאַלן,
נאָר אַזאַ איז שוין דער גאַנג
פון די לעבעדיקע קוואַלן —
פליסן מיט געזאַנג
צו דער נידער פון די הייכן,
כדי צו טיפקייט פון די ימים גרייכן.

שפּיגל־וואַריאַנטן

I

אַ הערשער פון אַ ווייט פאַרצייטיש לאַנד
האָט אמאָל באפוילן אלע זיינע אונטערטאנען
אויפצוהענגען אין א יעדן הויז
אין סאמע מיטן מזרח־וואנט,
ווי א מענטש די גרויס —
א שפּיגל.
און דעם באפעל געחתמעט אייגנהענטיק
מיט זיין הערשערישן זיגל.

און ס'האָט דאָס פאָלק אזוי פארשטאנען:
עס וויל דער הערשער, קענטיק,
בדרך משל אלע זיינע טרייע לייט
באזינען,
זיי זאָלן כאָטש פון צייט צו צייט
דערזען זיך אליין
און דורך זעלבסטקריטיק דערגיין,
ווי מען דארף געהאָרכזאם, שטום
א הערשער דינען.

נאָר אין א צייט ארום
האָט דער הערשער גאָר
אין יעדן שפּיגל אויף דער וואָר
בלויז זיך אליין געפונען.
און כדי פון פאָלק דאָס דאָזיקע פארהוילן

און זיין גוטן שם פארהיטן פון פארשוועכן,
האָט ער נאָכאמאָל באפוילן
אלע שפּיגלען אינעם לאנד צעברעכן.
און דעמלט איז געשען אומגעריכט
דאָס בייזע וואונדער —
פון יעדן פּיצל גלאָז באזונדער
האָט ארויסגעקוקט פונסניי זיין הערשעריש געזיכט.

II

אז א פּשוט שטיקל גלאָז
אָפּגעזילבערט פון דער צווייטער זייט
באקומט א נייע קוואליטעט —
פארשטעלט די ווייט
און שלינגט אין זיך אריין
אלץ, וואָס ליכטיקט אויף אין שיין —
איז יעדן שוין פונלאנג באוווסט.
נישט איין פּאָעט
האָט וועגן דעם זיין ליד געשריבן
און דעם קאָפּ פארלוירן,
און נישט איין קלוגער משל איז פארבליבן
פונעם פאָלק אליין געבוירן.

נאָר איך האָב אויך געזען
הוילע שטיקלעך גלאָז,
וואָס שפּיגלען זיך אין זיך אליין
אָן שום זכות
און חנדלען זיך מיט פרעמדע שטראלן,
און גרויסן זיך אנטקעגן אלע,
כאָטש ס׳איז אלעמען באוווסט,
אז ביידע זייטן זענען פּוסט.

III

פֿון שטענדיק אָן
פֿארנעמט דער שפּיגל אן אויבנאָן
אין יעדן הויז —
דער מענטש איז נייגעריק צו זען
ס׳אייגענע געזיכט.
נאָר ווען ס׳קומט ארויס
נישט אין יענעם ליכט,
וואָס לאָזט דער וועלט זיך ווייזן,
איז עס אלעמאָל, פֿארשטענדלעך,
בלויז דעם שפּיגלס גרייזן,
און זיין אייגן פּנים
איז צו דעם נישט ענלעך.

אזוי שוין מיינען די נאראָנים,
אז געגנוג איז בלויז די אויגן שליסן,
עס זאָל פֿארשווינדן אלץ, וואָס מיאוס איז.

VI

די אלע מעשהלעך זענען שוין באקאנט
פֿון גאָר די עלטסטע צייטן,
נאָר פֿאר דעם, וואָס לייענט מיט פֿארשטאנד,
קענען זיי אויך היינט נאָך עפּעס וואָס באדייטן.

אין אַן עת־צרה

זיי קומען צונויף זיך און שווייגן
מיט פאלשן באדויער
און אָפּענעם נייגיר,
ווי פוקסן אויף לויער.

זיי זעצן זיך צו און זיי ווארטן,
ווי וואָרנעם אין נאַקעטע נעסטן
אויף הארבסטיקע צווייגן פארדאַרטע,
און זוכן נאָך ווערטער צו טרייסטן.

זאָגט איינער: אין לעבן געשעעט עס פארשידן,
דאָס אומגליק גייט נאָך פון געבוירן —
אָט איז דאָ ביי איינעם א יידן
א טאָכטער געגאנגען פארלוירן.

א צוויטער שלאָגט איבער: די היינטיקע צייטן...
די יוגנט... די יוגנט...
מע זאָגט, אז ביי לייטן —
און ער ווייסט נישט וואָס ווייטער צו זאָגן.

זיצט מען אזוי שוין ווי שטומע —
די שיין פונעם לאָמפּ ווי א דאָרן,
און רגעס זיך שמעלצן אין ריטשקעלעך אומעט,
מינוטן זיך ציען ווי יאָרן.

ביז איינער שטייט אויף און געזעגנט
און אלע נאָך אים מיט פרייד קוים פארבאָרגן
שארן זיך איינציקווייז צו צו דער טיר.
און אין צימער פארבלייבן ווי פריער —
דאָס רוישן פון הארבסטיקן רעגן
און די פינצטערע שאָטנס פון זאָרגן.

דער דיכטער און דער רעדנער

דער לעצטער קלונג —
פון דער סצענע טוט א יאָג מיט פייכטער קעלט.
ביי א טישל זיצט א גרוילעכער פּאָעט —
וועגן אים א יונגער רעדנער רעדט:

— אַלע זענען מיר איצט יונג,
מיט דער צייט מיר גייען אין געוועט,
מיט דער נאַטור.
דער אַלטער וועלט
געגעבן האָבן מיר א תיקון —
א נייע וואר,
איצט וועלן מיר די בליקן
צו דעם הימל —
מיר ווילן מערער שיין,
עס זאָל אין יעדן ווינקל ליכטיק זיין...

דער עולם כאַפּט דערווייל א דרימל.
דער רעדנער טוט איין אויגנבליק א טראַכט
און ווייטער רעדט
געדולדיק:

— ווייל עס זענען פון דער נאַכט
נאָך שאָטנס פיל פאַרבליבן...

עס מישט אריין זיך דער פּאָעט
און זאָגט פאַרשעמט:

—אַנטשולדיקט,
כ'האָב וועגן דעם
אינגאַנצן נישט געשריבן...
ליכטיק —
מיינט גאָר פּשוט אין מיין ליד...

נאָר דער רעדנער רייסט אים איבער אין דער מיט:
— ס'איז נישט וויכטיק,
מיר הייבן אַלץ דאָך אָן פונסניי
און בלויז דערפון איז רעדן איצט כדאי.

און ער צערעדט זיך הייסער נאָך און העכער
וועגן דעם וואָס איז געשען און געשעט
און פונוואַנען,
ביז די הימלען ווערן בלאָוו,
אויף די פלאַכע דעכער
הייבט אָן טאָגן
און די מענטשן כאַפּן אויף זיך פונעם שלאָף
און איינע צו די צווייטע זאָגן:

— זעט!
מיר האָבן ביז אַצינד גאָר נישט פאַרשטאַנען,
וואָס פאַר אַ גרויסן דיכטער מיר פאַרמאָגן...

געווען איז דאָס אַ נאַכט

געווען איז דאָס אַ נאַכט פון שטורעם און געוויטער.
אַלע גאַסן־היטער
זענען אין די שטיבער פאַרבאַהאַלטענע געלעגן,
אויפן שטאָטראַט איז פון אימה
דער שטורעם־גלאָק אַנטשוויגן,
בלויז די שטומע ביימער
האָבן פון די קעפּ די בלעטער זיך געריסן
און מיין האַרץ האָט פיבערדיק געוואַכט.

פּלוצעם האָט דעם הימל אַ פייערדיקע שפּיז צעריסן
און אין געדיכטעניש פון נאַכט
כ'האָב איבער פּוסטע וויטן
דערזען גיין אַ מענטשלעכע געשטאַלט
ווי אַ חיה אין וואַלד —
געיאָגט פון שרעק
און אין איינזאַמקייט פאַרלוירן.

כ'האָב מיט שטוינונג זי געפרעגט:
אין אַזעלכע צייטן,
ווען מיט פליגל ווערן קינדער שוין געבוירן
און יעדע שעה
געשעען נייע ווונדער,
וואָס טוסטו דאָ —
פון אַלע אָפּגעזונדערט?

נאָר ס׳האָבן בייזע ווינטן מיר דערווידערט,
מיין יעדעס וואָרט ווי שטיין
געקייקלט ערגעץ אין דער נידער
אין דעם אור־טאָל פון געוויין.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק.
דרויסן האָט שוין פייערלעך געטאָגט,
פאַר מיין שוועל האָט ערגעץ־ווו געיאָגט
דער רויש פון יונגע טעג.
אין מיין צימער האָט א ווי געטאָן
מיט צאַרטע ריחות פון פרימאָרגנדיקער שעה
און אויף מיין שויב
האָט זון צעבליט זיך ווי אַ רויז.

נאָר פאַר מיין הויז
האָט ווי אַ שוואַרצע קראָ
נאָך אַלץ געוואַכט
דאָס געשפּענסט פון נאַכט.

אויף דעם העכסטן שפּיץ פון באַרג

אויף דעם העכסטן שפּיץ פון באַרג
שטייט אַ בוים מיט רויטן צווײַט,
פרילינג־שטראָם זײַן וואָרצל שטאַרקט,
גראָער פעלז זײַן שטאַם פאַרהיט.

קומען פייגל אין פאַרטאָגן,
בויען נעסטן אויס אויף צווייגן
און דעם בוים זיי שטרענג פאַרזאָגן —
נעסטן זענען דאָס, נישט שטייגן.

נאָר דער בוים פון שײַן פאַרבלענדט
פלעכט פון שטראַלן זיך אַ קרוין
און פון וואָרצלען זיך פאַרפרעמדט,
און זײַן אייגנשטאַם נישט שוינט.

קלייבן סאָוועס זיך צונויף
און מיט פינצטערניש פאַרשפּינען
אַלע צווייגן באַרג־אַרויף
פון דעם אָונט ביז באַגינען.

ווערן אַלע נעסטן בלינד
און די פייגעלעך פון שרעק
זעצן אויף זיך אויפן ווינט,
פליען פון דעם בוים אַוועק.

בנימין הרביעי

ווי באַוווסט, איז בנימין השלישי
צום סמבטיון נישט דערגאַנגען,
אין מיטן וועג האָבן די כאַפּונעם
פאַר אַ זעלנער אים געפאַנגען
און מיט סענדערלען צוזאַמען
נאָך גלגולים שווערע
געמוזט האָט ער קיין טונעיאַדעווקע
זיך צוריק אומקערן.

נאָר כדי זיין דרייסטן שריט
דערפירן צו אַן ענדע,
האָט מיט יאָרן שפּעטער
צו די זעלבע ווייטע לענדער
אין איינעם אַ חצות
אונטער שטערנגלי
אַרויסמאַרשירט אַ מאַן אַ פערטער,
בנימין הרביעי.

און געגאַנגען איז דער מאַן
נאַכט־ביי־נאַכט,
ווען אויף אַלע וועגן
כ׳האָט דער חלום בלויז געוואַכט,
ביז ער איז בשלום
צום סמבטיון אָנגעקומען
און מיט דער הילף פון פּסוקים
אים אַדורכגעשווומען.

און געשען איז עס אין א פּראָסטן מיטוואָך
ווען געהאנגלט האָט דער טייך מיט שטיינער.
נאָר פון די רויטע יידעלעך
איז שוין דאָרטן נישט געוועזן קיינער.
דער רייזנדער האָט זיך ארומגעקוקט
טיף פארוואונדערט —
ווי זענען גאָר און פלוצים
די רויטע יידעלעך פארשוואונדן?

צי דאָס וואָס אין די ספרים שטייט געשריבן —
„כי מלאה כל הארץ דעה" —
מיינט גאָר בלשון סגי־נהור,
אז ווען עס הייבן הינער אָן צו קרייען,
איז, כדי נאָך איידער דאָס חולאת פארשפרייט זיך
פטור ווערן פון די צרות,
שלאָגט מען קודם כל
מיט די הינער אָפּ כפרות?

און ווענדנדיק זיך צו די הימלען,
האָט בנימין זיך צעטענהט אומצופרידן:
— צי קאָן עס גאָר געמאָלט זיין —
דאָס סמבטיון־לאנד אָן רויטע יידן?
נישט אזוי האָט דאָך דערציילט
די פארצייטישע לעגענדע
און נישט אזא קאָן זיין
איר אויסגעבענקטע ענדע.

כ׳גיי צוריק
אויף נייעם וואנדער —
מיין גורל איז פון שרייבער אָנבאלאנגט!
זאָל ער מיך באשרייבן אנדערש:
אז געקומען בין איך דאָ אהער,
ווען דער טייך האָט שוין מיט שטיינער נישט געוואָרפן

און אלע רויטע יידעלעך זענען מיר געגאַן אנטקעגן
מיט פידלען און מיט הארפן.

אַז נישט קיין קאַלטע ווינטן
האָבן מיר די ערשטע אָפּגעגעבן שלום,
נאָר די, וואָס כ׳האָב אַ לעבן לאַנג
אויסגעטראָגן אין מיין חלום.
און נישט קיין רואה ואינו-נראה׳ס,
נאָר בנגלה, ווי אַלע מענטשן —
און דעמלט וועט דער זיידע מענדעלע
מיין נייע רייזע בענטשן.

אינהאַלט

שטילקייט

	זייט
געבעט	7
מיט באָרוועסע טריט	8
שטילקייט	9
זע	10
תיקו	11
פאַראַן אַ מעשהלע...	13
אויך אַזוי געשעט אַמאָל	14
טרייסט	15
אַזאַ לעגענדע איז פאַראַן	16
אַלע וועגן	17
דער שכל	19
קאָן זיין	20
אַנטיגאָט	21
אין גאַלאָפּ	22
האַרבסטיקער פאַרטאָג	23
באַרגאַראָפּ	24
לעצטע אשמורה	25
מיין ליד	26
דער היינט און די צייט	27
ווייל איז צו די	28
נעכט	29
דאָס וואָרט פון דיכטער	30
עס טרעפט	31
גאַריבאַלדי	32
פאַרוואָס איז די זון אַזוי אומע־טיק היינט	33
מיין וווּנדערלעכער וואָגן	34
וואָס טאָן מיט מיין נאַריש האַרץ	35
אותיות דורכגעליכטיקטע	36
רייד	37
די טרויעריקע שפּיל	38
פאַרבלענדעניש	39
נעמט נישט פאַר אומגוט...	40
פון פראָסטיקן צפון	41
די גרענעץ	42
אין יענעם אָוונט	43
דאָס ליד	44

דערמאָנונג

דערמאָנונג	47
אַ וווּנדערלעכע רייזע	48
אין אַ כישוף־לאַנד	50
אַ רעגנבויגן אין די בערג	51
דער קליינער קאַקטוס	52
וועגן	53
די לעבנס־געשיכטע פון אַ קוויט	54
נישט אומזיסט	55
זיי נישט טרויעריק מיין קינד	56
אין דיר מיין פאָלק	57
צי האָט אַמאָל	58
דאָס וואָרט	59
יעדע כוואַליע	60
מיין געבוירנטאָג	61
אין מיין אויסטערלישן גאַנג	62
מיין פאָטערלאַנד	64
צום זיבעציקסטן געבוירנטאָג פון פרץ מאַרקיש	65
ווען מ'האָט אייער ליד דערשטיקט	68
חלום חלמתי	70
ווער וועט באַצאָלן	72
אַ דין־תורה מיטן ווינט	73
די צייט	75
אַ מעלדונג דעם זיידן	76
דויער	78
כ'שטעל אָפּ דאָס ציילן פון דער צייט	80

אויף מילע-גאַס

זייט

אויף דער מילע-גאַס 85
געטאָ-פּייזאַזש 86
דער זינגער און דער דייטש . . 87
טרעבלינקע 89
אַלע טייכן זענען רויטע . . . 90
כ׳פרעג ביי יעדן וואַנדערנדיקן
ווינט 92
נישטאָ אַזאַ טרייסט 94
די שורות פון מיין ליד . . . 96
רוף מיך מער נישט 98
שוועסטער מיינע 99
פאַר וועמען זיך באַקלאָגן . . . 100
נאָקטורן 101
וואַרשע מיין שטאָט 102
אָפּטימיסטישע באַלאַדע . . . 103
ס׳איז דיר נישט באַשערט . . 105
צו אַ דייטשישן פּאָעט 106
אויף אָפּרו 108
ביי די גריבער 109
זיי וואַכזאַם מיין ברודער . . . 110
אלול 111
אַ רייזע 112
אומעט 113
כ׳שעם זיך 114
וויפל איז דער שיעור 115
קיינמאָל נישט פאַרגעסן, קיינמאָל
נישט פאַרגעבן 117

אין קעניגרייך פון טרוים

אין אַ לבנהדיקער נאַכט . . . 123
אַליין 124
כ׳האָב ליב 125
כ׳בין ווידער יונג 126
אין וואַלד 127
אייביק יונג 128
ערב פרילינג 129
כאָטש וויט 130
נאַכט 131
כ׳האָב אין יעדער איינער . . 132
* * * 133
דער שטילער גאַנג 134
צו אַ פרעמדער 136
כדי צו זיין מיט דיר 137
ליבע הייסט זיין פריי 138
ווען די זון אַ מידע 139
איך זע 140
אַלץ וואָס איז מיט אונדז
געשען דאָ 142
אין קעניגרייך פון טרוים . . 143

אין נייעם הויז

באַפרייונג פון וואַרשע . . . 149
אין נייעם הויז 151
ביידע וואַרשעס 153
וואָס דאַרף איך דען 155
באַלאַדע וועגן לעניניען 156
דאָס קליינע ייגל פון וואָלין . 157
צו מיין שוואַרצן ברודער . . . 158
אָקטאָבער 160
אונדזער העלער שטראָם . . . 161
אין טעג פון גנאָד 162
וואָס מיט טרערן עס ווערט
פאַרזייט 164
הימן צו דער יוגנט 165
פאַר יונגען צוואַנציקיעריקע . . 166
עס וויסט מיין האַרץ נישט
פון קיין רו 168
עס זענען די הערצער געבליבן
נאָך יונגע 169
אַ גאַנצן טאָג 170
זאָל ווער עס וויל 171
מיר זענען יונג 172
דאָס וואָרט 173
גלויבן 174

בדרך משל

זייט

דער דיכטער און די באַן . . 177

דער העלד און זיין אָרדן . . 178

אַ מעשהלע מיט ריטער . . . 179

צוויי באַאַמטע 180

צוויי שאָטנס 182

די שפּין און די מוראַשקע . . 184

ס׳איז אַ מעשה זיך פאַרלאָפן . 186

דאָס וואַסערל און דער טייך . . 188

שפּיגל־וואַריאַנטן 190

אין אַן עת־צרה 193

דער דיכטער און דער רעדנער . 195

געוועזן איז דאָס אַ נאַכט . . . 197

אויף דעם העכסטן שפּיץ

פון באַרג 199

בנימין הרביעי 200

פון זעלבן אויטאָר:

„שטאָפּלען" (לידער), פאַרלאַג „ביכער", וואַרשע 1929;

„וועגן צעגייען זיד" (דערציילונג), פאַרלאַג „נײַ־בוך", וואַרשע, 1933;

„שרייבער און ביכער" (קריטיק), פאַרלאַג „יידיש בוך", לאָדזש, 1949;

„שטודיעס און סקיצן" (קריטיק), פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1955;

„לידער", פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1957;

„אַ זעגל אין ווינט", (לידער), פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1961.